NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08091

BERELE

N. Chanin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. כאַנין

בערעלע

צייכענונגען
פון
נאָטע קאָזלאָווסקי

בערעלע פון נ. כאַנין
צייכענונגען פון נאָטע קאזלאווסקי
ארויסגעגעבן פון פארלאג קינדער-רינג ביי דעם בילדונגס-
קאָמיטעט פון דעם אַרבעטער רינג, ניו-יאָרק, נ. י.

Copyright, 1938
by
FARLAG KINDER RING
of the
EDUCATIONAL COMMITTEE
of the
WORKMEN'S CIRCLE

Printed in the U. S. A.

געדרוקט אין דער טשעלסי יוניאָן דרוקעריי
ניו-יאָרק, נ. י.
450

קינדער־רינג ביבליאָטעק

אַ מעשה פון אַן אָרעם יינגעלע, וואָס איז אויסגעוואקסן אַ קעמפער

בערעלעס הויז, זיין טאַטע-מאַמע

בערעלעס טאַטע איז געווען אַ שוסטער און האָט געאַרבעט זייער שווער, אָבער ער האָט קיין מאָל ניט פֿאַרדינט גענוג צו געבן זיינע קינדער עסן צו דער זאַט.

בערעלעס טאַטע איז געווען אַ ייד אַן אָרנטלעכער, אַ פֿרומער. אַלע יידן אין שטעטל האָבן אים געשעצט און ליב געהאַט. אַלע אין שטעטל האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער אָרעמאַן, אָבער קיינער האָט אים מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפֿן. ער האָט ביי קיינעם אומזיסט גאָרניט געוואָלט נעמען. וואָס ער האָט פֿאַרדינט מיט זיינע צען פֿינגער, דאָס האָט ער פֿאַרלעבט, און ער פֿלעגט שטענדיק זאָגן צו דער מאַמען: „מען טאָר ניט לייען אויב מען ווייס ניט צי מען וועט קאָנען אָפּגעבן, בלויז מיטן שוויס פֿון מיין שטערן דאַרף איך דערנערן ווייב און קינדער".

בערעלע האָט געהאַט נאָך דריי ברידער און צוויי שוועסטער. אַלע קינדער האָבן געלעבט אין שלום צווישן זיך. וואָס די מאַמע האָט געבראַכט אין שטוב צום עסן האָבן זיך אַלע דערמיט געטיילט. קיינער האָט ניט געוואָלט צוכאַפּן אָדער אויסנאַרן ביים אַנדערן. אָפֿט מאָל פֿלעגן די קינדער הערן ווי טאַטע-מאַמע קריגן זיך. פֿלעגן יעמאָלט די קינדער ווערן אומעדיק, ווייל זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז ווי באַלד טאַטע-מאַמע קריגן זיך איז אַ סימן, אַז אין הויז פֿעלט דאָס שטיקל ברויט און ס'איז זיי נעבעך ביטער אויפֿן האַרצן.

די שווערסטע צייט פֿון יאָר איז פֿאַר בערעלען און זיינע ברידער און שוועסטער געווען ווינטער. אין שטוב פֿלעגט זיין קאַלט, די פֿענצטער פֿאַר־

פראָרן, קיין וואַרעמע קליידער איז ביי קיינעם ניט געווען, און כמעט דער טאַטע איז געווען אַ שוסטער, האָבן פונדעסטוועגן געהאַט שיך נאָר דער עלטערער ברודער און די עלטערע שוועסטער. און ווען די אַנדערע פלעגן וועלן גיין אין גאַס, פלעגן זיי דאַרפן אָנטאָן די שיך פון דעם עלטערן ברודער און דער עלטערער שוועסטער.

דעם גאַנצן טאָג פלעגן די קינדער זיצן אויפן אויוון. דאָרט איז געווען אַ ביסעלע וואַרעמער. דאָרטן פלעגן זיך אַלע צוזאַמענטוליען און וואַרעמען איינער די אַנדערע. גליקלעך פלעגן זיין די קינדער ווען די מאַמע פלעגט אויך אַרויפקריכן צו זיי אויפן אויוון. אָבער דאָס האָט פּאַסירט זייער זעלטן, ווייל די מאַמע פלעגט אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין זוכן פּרנסה. און אַ מאָדנע פּרנסה האָט זי געהאַט: זי פלעגט אויפקויפן ביי די קצבים די קישקעס, די לונג־און־לעבערס און די טרייבערס, דאָס אָפּקאָכן און אַרומטראָגן איבערן שטאָט פאַרקויפן. די קינדער פלעגן נאָר הערן דעם ריח פון די אַלע גוטע זאַכן, אַליין עסן האָט מען ניט געטאָרט, ווייל מען האָט עס געדאַרפט פאַר־קויפן כדי צו פאַרדינען אויף ברויט און אַ ביסל גרויפן אויף קאַשע. יאָ, שווער איז פאַר בערעלען מיט זיינע ברידער און שוועסטער געווען דער ווינטער.

דערפאַר אָבער ווען עס האָט זיך נאָר באַוויזן דער פרילינג, און די זון האָט גענומען וואַרעמען דאָס שטעטל, און דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין אויף דער גאַס, פלעגט בערעלע זיין דער ערשטער וואָס פלעגט אַרויסלויפן אַ באָרוועסער אויף דער גאַס. דאָ פלעגט ער שוין באַגעגענען די קינדער פון די שכנישע הייזער, וואָס דער וואַרעמער פרילינג האָט זיי אויך אין גאַס אַרויס־געבראַכט, און פריילעכע, מיט הילכיקע קולות פלעגן זיי שטיפן און זיך שפילן.

דאָס שטעטל וואו בערעלע איז געבוירן געוואָרן און איז געוואַקסן איז געווען ווייט פון אַן אייזנבאַן, ווייט פון אַנדערע שטעטלעך. ער האָט געהערט פון טאַטן און פון דער מאַמען, אַז ערגעץ זיינען דאָ אַנדערע שטעט און שטעטלעך, און אַז דאָרטן האָט ער מומעס און פעטערס, אָבער בערעלע האָט קיין מאָל ניט געזען ניט די שטעטלעך און ניט די מומעס מיט די פע־טערס. און ווען עס האָט פּאַסירט אַמאָל, אַז בערעלעס טאַטע איז געפאָרן אין דער שטאָט ב., האָבן אַלע קינדער געוואַרט מיט דער גרעסטער אומ־

געדולד ווען וועט ער שוין קומען צוריק. ערשטנס האָט דער טאַטע פון אַזאַ נסיעה אַלע מאָל געבראַכט אַ גאַנצן לאַבן סיטניצע (ווייסן ברויט). צווייטנס, פלעגט דער טאַטע דערציילן ווי אַזוי ער איז דורכגעפאָרן אַ סך דערפער, אַ גרויסן וואַלד און אַ גרויסן טייך. בערעלע האָט קיין מאָל קיין וואַלד און קיין טייך נאָך ניט געהאַט געזען, ווייל אַרום זייער שטעטל איז קיין וואַלד און קיין טייך ניט געווען.

אין שטעטל איז געווען אַ גרויסער סאַד פון עפּל, באַרן, פלוימען און קאַרשן, אָבער אויך דעם סאַד האָט ער קיין מאָל ניט געזען. יידישע קינדער האָבן מורא געהאַט גיין אָנקוקן דעם סאַד, ווייל מען האָט געדאַרפט דורכ־גיין די גויאישע גאַס, און די יידישע קינדער האָבן מורא געהאַט צו גיין דורך דער גויאישער גאַס, ווייל די גויאישע קינדער פלעגן די יידישע קינדער שלאָגן, און די הינט פלעגן בילן אויף זיי.

ווען בערעלע איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר האָט אים דער טאַטע אָפּגע־געבן אין חדר.

אין בערעלעס שטעטל זיינען געווען צווייערליי מלמדים: איין סאָרט מלמד איז געווען פאַר די רייכערע קינדער און דער אַנדערער פאַר די אָרעמע קינדער.

בערעלען האָט זיין טאַטע אָפּגעגעבן צו אברמלען דעם מלמד. אברמל איז געווען אַ ייד אַן ערלעכער, אַ קלוגער, מיט אַ גוטן פּנים. ווען דער טאַטע האָט אריינגעפירט בערעלען אין חדר אַריין, האָט זיי אברמל באַגעגנט מיט אַ ברייטן גוטמוטיקן שמייכל און אָננעמענדיק בערעלען ביי דער האַנט האָט ער צו אים געזאָגט: „ביסט שוין אַ גרויסער יינגל, ווען דו וועסט זיך גוט לערנען, וועט דיר זיין ביי מיר וואויל און גוט, אָבער אויב ניט, וועל איך דיך שמייסן מיטן קאַנטשיק". און ער האָט אים געוויזן אויפן וואַנט וואו דער רימענער קאַנטשיק איז געהאנגען.

בערעלע האָט זיך אין חדר שנעל איינגעלעבט. אַלע קינדער האָבן אים ליב געהאַט. מיט אַלעמען איז ער געווען חבר און האָט זיך שיין געשפּילט מיט די חברים. בערעלע איז געווען אַ מזיק אין אויסטראַכטן פאַרשיידענע שפּילעריין. די ליבסטע שפּיל בערעלעס איז געווען די שפּיל אין סאָלדאַטן.

זומער פֿלעגן דורך בערעלעס שטעטל דורכגיין סאָלדאַטן. הינטערן שטאָט פֿלעגן די סאָלדאַטן מאַכן מאַנעווערעס. בערעלעס טאַטע פֿלעגט שבת אַרויס אויפֿן פֿעלד און קוקן אויף די סאָלדאַטישע מאַנעווערעס, און בערעלע פֿלעגט מיטגיין. בערעלע פֿלעגט די סאָלדאַטן שטאַרק מקנא זיין; ער פֿלעגט אַלע מאָל טראַכטן, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער, וועט ער גיין אין סאָלדאַטן, וועט פֿאָרן רייטנדיק אויף אַ פֿערד, ער וועט האָבן גענוג צום עסן און שיינע קליידער צו טראָגן; ווינטער וועט אים ניט זיין קאַלט.

אין חדר האָט בערעלע גאַנץ גיך צונויפֿגעשטעלט אַן אַרמיי פֿון סאָלדאַטן מיט אָפֿיצערן און פֿאָלקאָווניקעס. ער אַליין איז געווען דער הויפּט-פֿאָלקאָווניק. ער האָט דעם „אַמט" ניט פֿאַרכאַפּט מיט גוואַלד, אים האָט ער באַקומען פֿאַר זיין איבערגעגעבנקייט און פֿאַר זיין קענטעניש אין די סאָלדאַטישע שטיק.

אברמל דער מלמד האָט זיך שטענדיק געקלאָגט פֿאַר בערעלעס טאַטן: „דיין יינגל איז צו פֿיל פֿאַרשפּילט אין סאָלדאַטן און אַנדערע אַזעלכע זאַכן. אַ קעפּל האָט ער דוקא אַ גוטס, נאָר ער גיט זיך ניט אָפּ מיטן לערנען." דער טאַטע האָט אויף בערעלען געשריען. ער פֿלעגט אויך אָפֿט מאָל אים שלאָגן, לייכט, מיט רחמנות, פֿאַר וואָס דער קאָפּ איז אים ביי סאָלדאַטלעך און ניט ביים סידור און חומש.

בערעלע האָט גראָד ליב געהאַט דעם חדר. ערשטנס איז אין חדר געווען וואַרעם, צווייטנס האָט אים די מאַמע אַלע מאָל עפּעס מיטגעגעבן אויף מיטאָג און ער האָט כאָטש איין מאָל אין טאָג געקענט זאַט אָפּעסן, און דריטנס, האָט ער געקאָנט אין דער פֿרייער צייט זיך שפּילן מיט די קינדער.

שפּילן איז געווען זיין לעבן. אין דעם שפּילן פֿלעגט ער זיך פֿאַרגעסן אָן זיין שווער קינדעריש לעבן, און שפּילנדיק פֿלעגט ער אַלע מאָל טראַכטן אַזעלכע שיינע געדאַנקען. ער פֿלעגט טראַכטן: אַז ער וועט גרויס ווערן, וועט ער אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט, אַהין פֿון וואַנען עס קומען אַלע זומער אין זייער שטעטל די סאָלדאַטן אויף מאַנעווערעס און דאָרטן וועט ער ווערן אַן אָפֿיצער אָדער גאָר אַ פֿאָלקאָווניק, און דערנאָך וועט ער נעמען אַהין זיין טאַטן און זיין מאַמען, און זיינע ברידער און שוועסטער, און זיי וועט

אַלעמען דאָרט גוט זיין. זיי וועלן וואוינען אין אַ וואַרעמען הויז, זיי וועלן האָבן וואָס צו עסן, די מאַמע וועט מער ניט דאַרפן פאַרקויפן קיין לונג־און־לעבערס, זי וועט זיין מיט זיי, מיט די קינדער, און וועט זיי דערציילן מעשות.

אוי, דער מאַמעס מעשות! ווי וואונדער שיין זיי זיינען געווען! אַט פלעגט די מאַמע מיט די קינדער זיצן אויפן אויוון ביינאַכט אין דער פינצ־טער און דערציילן פון די חשמונאים, וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַר זייער לאַנד און זייער פאָלק. זי פלעגט זיי דערציילן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן אַלע יידן קומען צוריק אין זייער הייליקן לאַנד, אין דעם לאַנד פון אברהם, יצחק און יעקב. מענטשן וועלן ניט דאַרפן אַרבעטן, עס וועט אַליין וואַקסן אויף די ביימער.

אַמאָל פלעגט דער טאַטע אויך דערציילן וועגן די חשמונאים און וועגן דוד המלך. דעם טאַטנס מעשות פלעגט בערעלע ניט אַלע מאָל פאַרשטיין, זיי זיינען געווען אויסגעמישט מיט פסוקים פון דער תורה. אַנדערש זיינען געווען די זעלבע מעשות ווען די מאַמע פלעגט זיי דערציילן. זי פלעגט דערציילן אַזוי שטיל, האַרציק און פשוט, אַזש עס פלעגט דאָס האַרץ אַרומ־נעמען מיט אַ וואַרעמקייט. אָך, די שטילע, ווייכע שטימע פון זיין מאַמען! זי האָט אים שפעטער אויף אַלע שווערע וועגן באַגלייט.

אַזוי איז זיך בערעלעס לעבן געגאַנגען אין דעם חדר. ער האָט דאָ געלערנט און נאָך מער געחלומט. געחלומט וועגן גוטע צייטן, וואָס וועלן קומען, ווען ער, בערעלע, וועט אַ גרויסער ווערן.

בערעלע ווערט בר־מצוה



אַלע אין הויז האָבן גענומען רעדן פון בערעלעס בר־מצוה.

אָט־אָט, נאָך אַ פּאָר וואָכן און בערעלע וועט שוין ווערן אַ מענטש פאַר זיך. מען וועט אים פירן אין שול אַריין צום אויפרופן, ער וועט מאַכן די ברכה איבער דער תורה, און דערנאָך וועט דער טאַטע זאָגן „ברוך שפּטרני" — געלויבט ביסטו גאָט וואָס איך בין פּטור פון טראָגן די עבירות פאַר מיין זון בערעלע, פון איצט אָן איז בערעלע אַליין אַ גאַנצער ייד און איז אַליין חייב פאַר זיינע עבירות.

פריילעכער פון אַלעמען אין שטוב איז געווען די מאַמע, וואָס בערעלע ווערט שוין בר־מצוה. איר מאַמעס האַרץ האָט עפּעס איר געזאָגט, אַז פון בערעלען וועט אויסוואַקסן אַ לייט, כאָטש וואָס פאַר אַ לייט האָט זי אַליין ניט געוואוסט. אין חדר איז בערעלע קיין לערנער קיין גרויסער ניט געווען, נאָר אין שטעטל האָבן אים אַלע ליב געהאַט, און מסתמא איז דאָך דאָס ניט אומזיסט, האָט די מאַמע געטראַכט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קלוגן יינגל, ניט קיין שטיפער, מען האָט געוואוסט, אַז ער שלאָגט זיך מיט קיינעם ניט. אויף בערעלען האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. האָט מען אים ערגעץ געשיקט, האָט ער עס דורכגעפירט ריכטיק און מיט אַ טאָלק. האָט מען אים איבערגעלאָזן מיט די קלענערע קינדער האָט ער אויף זיי אַכטונג געגעבן ווי געהעריק איז. אַלע שכנים פלעגן זאָגן דער מאַמען: „אייער בערעלע איז אַ טייערער יינגל, פון אים וועט אויסוואַקסן אַ לייט." און ווען די מאַמע פלעגט עס הערן, פלעגט זי צעשמאָלצן ווערן פאַר נחת. בערעלע האָט ניט איין מאָל געהערט ווי די מאַמע פלעגט זאָגן צו אירע שכנטעס: „וואָס זאָגט איר? מיין בערעלע ווערט דאָך שוין בר־מצוה!"

איין מאָל, אין אַ שיינעם פֿרילינגטאָג, אַ מאָנטיק איז דאָס געווען, זיינען אַלע אַוועק אין שול צו בערעלעס בר־מצוה, אַלע קרובים און אַלע שכנים. יענעם גאַנצן פֿרימאָרגן האָט בערעלע זיך שטאַרק געשראָקן. פֿאַר וואָס — האָט ער אַליין ניט געוואוסט. נאָר אָט טראָגט מען שוין די תורה, מען וויקלט זי פֿונאַנדער. בערעלע שטייט אין שול לעבן זיין טאַטן און זאָגט איבער שטילערהייט די ברכה, וואָס ער וועט דאַרפֿן מאַכן ווען מען וועט אים אויפֿרופֿן.

און אָט רופֿט דער שמש אויס זיין נאָמען. דער טאַטע נעמט בערעלען פֿאַר דער האַנט און פֿירט אים צו צו דער תורה. אין שול ווערט שטיל, אַלע קוקן אויף בערעלען; בערעלע דערשרעקט זיך, אָבער גלייך קומט ער צו זיך און הייבט אָן די ברכה. זיין קינדערשע שטים קלינגט הילכיק, שלאָגט אָפּ אין אַלע ווינקעלעך פֿון שול. דער טאַטע בענטשט אים און ווינטשט אים צו זיין אַ גוטער און פֿרומער ייִד. נאָכן דאַווענען טיילט דער טאַטע אַלע ייִדן לעקעך און בראָנפֿן. אַלע ווינטשן בערעלען און זיין טאַטן גליק און זאָגן דעם טאַטן, ער זאָל האָבן נחת פֿון אים, פֿון בערעלען.

די גליקלעכע בר־מצוה־טעג זיינען גיך אַריבער. אין בערעלעס שטוב ווערט ווידער אומעטיק, ווידער זאָרג פֿאַר פּרנסה, ווידער דאגות, וואו נעמט מען עסן פֿאַרן הויזגעזינד.

איין מאָל זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען: „אפשר זאָל בערעלע זיך נעמען לערנען שוסטעריי, מיר אַרויסהעלפֿן, וואָס איז דער תכלית אַרומצוגיין אַזוי?” דער טאַטע האָט עס געזאָגט קאַלט און רואיק, נאָר דער מאַמען האָבן די ווערטער דאָך אַ שניט געטאָן ווי זיבן מעסערס. זי איז געוואָרן אַזש ווילד פֿאַר כעס. — „אָט דאָס איז גאָר וואָס דו ווילסט מאַכן פֿון אונדזער קינד? — האָט זי געשריען, — קיין בעסערן תכלית האָסטו שוין ניט געקענט צוטראַכטן פֿאַר בערעלען? ווילסט, אַז ער און זיינע קינדער זאָלן זיך אַזוי מאַטערן ווי דו און דיינע קינדער מאַטערן זיך?”

נאָך דער מאַמעס געשרייען איז דער טאַטע אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער פֿון דעם געשפּרעך צווישן טאַטע־מאַמע האָט בערעלען גענומען עגבערן אַ געדאַנק אין מוח: טאַקע וואָס וועט זיין דער תכלית? איך וועל גיין נאָך אַ יאָר אין חדר, נאָך אַ יאָר, נו, און דערנאָך? און דער געדאַנק האָט אים מער ניט אָפּגעלאָזט.

איין מאָל גייט בערעלע צו צו דער מאַמען און זאָגט צו איר פאַרשעמט:
„מאַמע, וואָס וועט פון מיר זיין דער סוף? איך וויל זיך עפּעס אויסלערנען".

אויף בערעלען האָט די מאַמע ניט געשריען. זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אירע גוטע אויגן און האָט צו אים געזאָגט:

— „ניין, בערעלע, קיין בעל־מלאכה וועסטו ביי מיר ניט ווערן. דו דאַרפסט לערנען, און אַז דו וועסט זיך לערנען וועט פון דיר אם־ירצה־השם ווערן אַ לייט".

אַזוי איז אַוועק דער זומער, און אַז ס'האָט זיך גענומען דערנענטערן דער ווינטער, האָט די מאַמע אָנגעהויבן צו ריידן מיטן טאַטן, אַז מען זאָל בערעלען אַוועקפירן אין דער שטאָט ב. אריינגעבן אים אין תלמוד־תורה. די מאַמע וועט אַליין אים אַוועקפירן, וועט אים דאָרטן קריגן „טעג" צו עסן, און דאָרט וועט פון אים ווערן אַ מענטש.

בערעלען איז דער מאַמעס פּלאַן שטאַרק געפעלן. עס האָט זיך אים טאַקע געוואָלט, אַז זיין לעבן זאָל זיך מיט עפּעס ענדערן. אַחוץ, אין שטאָט אַריין, האָט עס אים שוין לאַנג געצויגן. און אַזוי איז טאַקע געווען. די מאַמע האָט אים אַוועקגעפירט אין דער גרויסער שטאָט ב.

שווער איז געווען בערעלען זיך צו שיידן מיט זיין היים, מיט זיינע ברידער און שוועסטער, מיט זיינע חברים און מיט זיין שטעטל. ווען אַלע האָבן זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער טאַקע ניט געוויינט, נאָר אויפן האַרצן איז אים געווען זייער שווער. אַ טיפער אומעט האָט אים געדריקט; נאָר וויינען האָט ער ניט געוויינט. און אַט זיצט ער שוין מיט דער מאַמען אויפן וואָגן, די פערד גיבן זיך אַ ריר, די ברידער און שוועסטער לויפן נאָך און שרייען: „פאָר געזונט, בערעלע, פאָר געזונט!" די פערד קירעווען זיך אַריין אין אַן אַנדער גאַס, און אַלץ פאַרשווינדט הינטער אים.

ווען בערעלע איז שוין געווען הינטערן שטאָט, האָט ער זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך שטאַרק צעוויינט. די מאַמע האָט אים אַרומגענומען, אים געקושט און מיט שטילע רייד אים געטרייסט. נאָר בערעלע האָט געפילט אַז די מאַמעס טרייסטווערטער זיינען אויך דורכגעווייקט מיט טרערן.



געפּאָרן איז בערעלע מיט דער מאַמען אין דער גרויסער שטאָט אַריין אַ גאַנצע נאַכט. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַ פראָסטיקע. קיין וואַרעמע קליידער האָט ער ניט געהאַט; וואָס קעלטער ס׳איז אים געוואָרן, אַלץ מער האָט ער זיך געטוליעט צו דער מאַמען און די מאַמע האָט אים גע־האַלטן אין איין צודעקן מיט וואָס מער היי פון וואָגן. ערשט ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן איז ער מיט דער מאַמען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין.

פאַרפאָרן זיינען זיי אין אַן אָרעמער אכסניה, וואוהין עס פלעגן פאַר־פאָרן אַלע יידן פון זייער שטעטל.

קיין פריינט און באַקאַנטע האָט זיין מאַמע אין דער גרויסער שטאָט ניט געהאַט. די מאַמע איז באַלד אַוועק און האָט אַריינגעגעבן בערעלען אין תלמוד־תורה. דאָרטן האָט זי זיך נאָכגעפרעגט צו וועמען זי קאָן גיין בעטן „טעג" פאַר איר קינד. זעקס טעג האָט זי פאַר אים געקראָגן, נאָר דעם זיבעטן האָט זי ניט געקאָנט קריגן. שלאָפן האָט ער געדאַרפט אין קלויז. און אַ זיבעטן טאָג, האָט אים די מאַמע געזאָגט, וועט ער שוין אַליין קריגן. „נישקשה — האָט זי געזאָגט — צווישן יידן ווערט מען ניט פאַרפאַלן".

פאַרן אַוועקפאָרן האָט אים די מאַמע מיט אַ טיפן זיפץ געזאָגט: — „האָב ניט קיין זאָרג, מיין קינד, דאָ, אין דער פרעמד, וועט דיר זיין בעסער ווי אין דער היים. עסן וועט מען דיר דאָ געבן מער און בעסערס. זיי גוט, מיין זון, וועלן צו דיר די פרעמדע לייט אויך זיין גוט."

ווען בערעלע איז אין דער פרעמדער שטאָט געבליבן אַליין האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. אמת, עסן האָט ער גענעסן בעסער ווי אין דער היים, אָבער זיין לעבן איז געוואָרן שווערער.

יעדער טאָג האָט ער גענעסן אין אַן אַנדער הויז. אין הויז פלעגט ער אַריינגיין דורך דער הינטערשטער טיר; אין קיך פלעגט אים די דינסט אַוועקשטעלן וואָס צו עסן, ער פלעגט אָפּעסן און אַוועקגיין.

ביי בערעלען האָט זיך אַנטוויקלט אַ פיינטשאַפט צו די באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס וואו ער האָט גענעסן טעג. ער האָט אפילו פיינט געהאַט זייערע קינדער אויך. עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס מען פלעגט אים געבן עסן אין קיך, באַזונדער, ביי אַ ברעג טיש. ער האָט מקנא געווען די קינדער פון יענע הייזער וואָס זיי עסן ביי לייטישע טישן.

ער פלעגט אַלע מאָל טראַכטן: פאַר וואָס איז גאָט צו מיר אַזוי אומגע־רעכט? פאַר וואָס דאַרף איך זיין אַן אָרעמער יינגל און אָנקומען צו פרעמ־דע טישן? בערעלעס מוח פלעגט ניט קענען באַגרייפן, פאַר וואָס דאַרף זיי זיין אַזוי גוט און אים אַזוי שלעכט.

אין איין הויז האָט זיך בערעלע דוקא געפילט כמעט ווי ביי זיך אין דער היים. דאָס איז געווען ביי זלמן דעם סטאָליער. זלמן דער סטאָליער איז געווען אַ ייד ניט קיין רייכער. זיין ווייב איז געווען אַ גוטע יידישע מאַמע. ווען בערעלע פלעגט קומען צו זיי עסן פלעגט זי אים אַוועקזעצן מיט אַלעמען ביים טיש און האָט אויף אים מער אַכטונג געגעבן ווי אויף אירע אייגענע קינדער. זי פלעגט זאָגן: „ער איז דאָ עלנט, אַליין, האָט דאָ קיינעם ניט, ניט קיין טאַטן און ניט קיין מאַמען, דאַרף מען אויף אים מער אַכטונג געבן". האָט בערעלע שטאַרק ליב געהאַט זלמן דעם סטאָליערס הויז. מיט זלמן דעם סטאָליערס קינדער האָט ער זיך געפילט ווי מיט ברידער. און וואָס מער ער האָט ליב געקראָגן זלמנס הויז, אַלץ מער האָט ער פיינט גע־האַט די אַנדערע הייזער וואו ער האָט געגעסן „טעג".

אַזוי זיינען געגאַנגען וואָכן און חדשים. בערעלען איז געוואָרן דאָס לעבן שווער און מיאוס. ניט איין מאָל פלעגט ער ליגן ביינאַכט אין קלויז אויף דער הוילער, האַרטער באַנק און וויינען. אָפט מאָל פלעגט ער טראַכטן: פאַר וואָס קומט דאָס אים? פאַר וואָס האָט גאָט זיין גאַנצן צאָרן אויסגע־לאָזט צו אים? מיט וואָס האָט זיך זיין טאַטע ביי גאָט אַזוי פאַרזינדיקט? זיין טאַטע איז דאָך אַזאַ אָרנטלעכער מענטש, ער האָט דאָך קיין מאָל קיין מענטשן קיין שלעכטס ניט געטאָן.

וואָס מער ער האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ שווערער איז אים גע־וואָרן דאָס לעבן, און וואָס שווערער ס'איז אים געוואָרן דאָס לעבן, אַלץ מער האָט ער געטראַכט.

ביי זלמן דעם סטאָליער האָט ער געזען ווי יינגלעך אַרבעטן, זיי זיינען פריילעך, זיי זינגען לידלעך ביי דער אַרבעט. ער האָט זיי שטאַרק מקנא געווען. ער האָט צו זיך אַליין גענומען ריידן: פאַר וואָס דאַרף מיין לעבן זיין אַזוי אומעטיק? פאַר וואָס דאַרף איך זיין אַן איינגעבעטענער ביי די

באַלעבאַטים און באַלעבאַסטעס? פאַר וואָס זאָל איך אויך ניט אַרבעטן און פאַרדינען מיין ברויט?

האָט ער אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו טאַטע־מאַמע, אַז ער וויל זיך לערנען אַן אַרבעט. אין דעם בריוו האָט ער זיין גאַנץ ביטער לעבן באַשריבן. פון די ווערטער אין דעם בריוו האָבן טאַטע־מאַמע דערפילט אַ זיכערן באַשלוס, אַז בערעלע גיט אויף זיין לערנען. זיינען זיי באַלד געקומען צו לויפן צו בערעלען אין שטאָט אַריין. די מאַמע האָט זיך ביי אים געבעטן, האָט געוויינט, אָבער בערעלע איז געבליבן איינגעשפּאַרט. און דער טאַטע האָט אים אָפּגעגעבן צו חיים דעם שניידער אויף דריי יאָר זיך לערנען שניידעריי.

אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער איז בערעלע אַוועק דעם ערשטן טאָג צו דער אַרבעט. אָבער זיין לעבן איז ניט גרינגער געוואָרן.

ביי חיים דעם שניידער האָבן אַלע געאַרבעט שווער, אָבער נאָך שווערער האָט געאַרבעט בערעלע. וואָס איז דען בערעלע ביי חיים דעם שניידער ניט געווען? — ער האָט געדאַרפט אויפפּאַסן אויף דעם מיידעלע, וואָס איז נאָך געלעגן אין וויג, אויסקערן די שטוב, גיין מיט דער באַלעבאַסטע אין מאַרק איינקויפן. ווי און ווינד איז אים געווען ווען עפּעס אין שטוב האָט זיך ניט איינגעגעבן, ווען אַ טעלער האָט זיך צעבראָכן, אָדער די קינדער האָבן געוויינט. אין אַלץ איז בערעלע שולדיק געווען. חיימס ווייב, די הויכע זלאַטע האָט מען זי גערופן, איז געווען אַ יידענע אַ בייזע, אַ שלעכטע, אַלע האָבן פאַר איר מורא געהאַט, עס האָט פאַר איר אויך מורא געהאַט דער שטילער און גוטער חיים דער שניידער.

אוי, איז זי שלעכט און בייז געווען צו בערעלען! קיין אַנדער נאָמען האָט ער ביי איר ניט געהאַט ווי „אומזיסטער פרעסער". בערעלע האָט אַלץ אַריבערגעטראָגן אין שטילן צער. און ווען אים פלעגט שוין ווערן גאָר ביטער, פלעגט ער שטילערהייט זאָגן צו זיך: נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, איך וועל זיך אויסלערנען די אַרבעט, איך וועל פון חיים דעם שניידער אַוועקגיין און אַלץ וועט בעסער ווערן.

אָבער בערעלע האָט געליטן און געשוויגן אַזוי לאַנג ביז ער האָט שוין מער ניט געקאָנט. וואָס טוט מען? האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון חיים דעם שניידער. אָבער לויפן—וואוהין לויפט מען? צוריק אין שטעטל?

צו טאַטע־מאַמע? ווייטער דאָרט לעבן אין הונגער און קעלט? — ניין, דאָס וועט ניט געשען.

אַרבעטנדיק ביי חיים דעם שניידער האָט בערעלע אַ סך געהערט פון דער שטאָט ד. און אַהין האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן. זיין אין דער פרעמד האָט ער שוין ניט מורא געהאַט. ערגער ווי ביי דער הויכער זלאַטען, האָט ער געטראַכט, וועט אים שוין אין ערגעץ ניט זיין. און דער פופצן־יעריקער יינגל איז אַן געלט, האַלב נאַקעט און באָרוועס אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט ד.

ווי וואונדערלעך שיין די שטאָט האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען! ברייטע ברוקירטע גאַסן, שיינע גרויסע געשעפטן מיט גרויסע שילדן, צע־צונדענע פענצטער און לאַמטערנעס אין אָוונט. אין גאַס אַ טראַמוויי אויף רעלסן, געפירט פון פערד. אָן אַ שיעור מענטשן, מייסטנס שיין געקליידט, און מיטן שטאָט אַ גרויסער פּאַרק, מיט שיינע אַלייען און בלומען ביי די זייטן. — בערעלע איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט אַ פאַרצווי־בערטער, אַ פאַרחלומטער. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט אַזוי מוז אויסזען דער גן־עדן.

בערעלע האָט גאַנץ גיך געקראָגן אַרבעט. וועגן געצאָלט איז ער מיטן באַלעבאָס גיך דורכגעקומען. דער וואַרשטאַט (שאַפּ) איז געווען אין אַ גרויסער קראָם. דאָרטן איז ניט געווען ניט קיין באַלעבאָסטע, ניט קיין קינדער. אַרבעטן פלעגט מען פון אַכט אין דער פרי ביז צען ביינאַכט. עסן און שלאָפן האָט מען געדאַרפט באַזאָרגן פאַר זיך אַליין. גאַנץ גיך האָט בערעלע געקראָגן אַ פלאַץ וואו צו שלאָפן און עסן. ס'איז געווען גאָר אַן אַנדער לעבן.



אַ ניי לעבן

ביי דער באַלעבאָסטע, וואו בערעלע איז איינגעשטאַנען אויף קוואַרטיר, האָט אויך געוואוינט לייבל דער שלאָסער.

אַ מאָדנער מענטש געווען דער לייבל. ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, זעלטן ווען מען פלעגט אים זען אין שטוב. און די צייט, וואָס ער האָט שוין פאַרבראַכט אין שטוב, פלעגט מען אים שטענדיק זען איבער אַ בוך. אין די הייזער וואו בערעלע פלעגט אַריינקומען, האָט מען קיין ביכער ניט געלייענט. די מענטשן זיינען דאָרט שטענדיק געווען פאַרהאָרעוועט און פאַרזאָרגט איבערן שטיקל ברויט. אַלע פלעגן אַרבעטן פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

און אַז בערעלע האָט זיך שוין אין דער נייער שטאָט גוט איינגעלעבט, האָט שוין דאָרטן געקראָגן פריינד און באַקאַנטע, האָט ער שוין, דוכט זיך, געדאַרפט זיין צופרידן, אָבער ניין. ערשט איצט איז זיין האַרץ געוואָרן אַלץ אומרואיקער און אומרואיקער. דאָ האָט ער דעם אונטערשייד פון אָרעם און רייך נאָך שטאַרקער געזען. ווען בערעלע פלעגט שפּאַצירן איבער די גרויסע און שיינע גאַסן פון שטאָט, פלעגט זיין האַרץ זיך הייבן פון פרייד: אָ, ווי שיין און ווי ליכטיק ס'איז דאָ אַלץ געווען, מיט וואָס פאַר אַ פריילעכע פּנימער די מענטשן פלעגן אַרומגיין. עס פלעגן דאָרטן שפּאַצירן סטודענטן מיט סטודענטקעס, אָפיצערן מיט שיין געקליידטע פרויען; מע פלעגט שפּאַצירן און לאַכן מיט אַזאַ הילכיקן געלעכטער. אָבער בערעלע פלעגט קוקן אויף די פאַרבייגייער און טראַכטן צו זיך אַליין: פאַר וואָס קומט די גאַנצע פריילעכקייט זיי? פאַר וואָס איז ער און די אַלע מענטשן, וואָס וואוינען אין די זייטיקע און אָרעמע גאַסן פון שטאָט — פאַר וואָס זיינען

זיי אַלע אַזוי פֿאַרשאָלטן? און קאָנען זיי אויך ניט לעבן אַזוי און לאַכן און פֿריילעך זיין? בערעלעס נשמה איז געפּייניקט געוואָרן פֿון דעם געדאַנק, וואָס גאָט האָט אַזוי ניט יושרדיק צעטיילט די וועלט, די שטעט און די מענטשן. ווען ער פֿלעגט גיין אַהיים און קומען אין דער אָרעמער גאַס, וואו ס׳איז געשטאַנען „זיין" הויז און וואו ער האָט נאָר געהאַט אין אַ ווינקל אַ האַרטע באַנק צום שלאָפֿן, פֿלעגט אים דאָס האַרץ פֿאַרדריקן פֿון ווייטיק און פֿאַרדראָס. אַוועקגיין, אַנטלויפֿן פֿון דער גאַס פֿון אָרעמקייט — דערפֿון האָט ער אפֿילו ניט געטראַכט. ער האָט די מענטשן פֿון אָרעמען קוואַרטאַל זייער ליב געהאַט. ער האָט זיך געפֿילט צווישן זיי ווי אַן אייגענער, ווי אין דער היים, ווי אין זיין אַמאָליקן קליינעם שטעטעלע.

פֿאַר לייבל דעם שלאָסער האָט בערעלע געהאַט גרויס דרך־ארץ. ער איז געווען זיכער, אַז לייבל וואָס לייענט ביכער און קוקט אויף אַלעמען מיט אַזוינע פֿאַרטראַכטע אויגן, וואָלט אים געקאָנט אַ סך זאַכן קלאָר מאַכן. לייבל איז געווען אַ סך עלטער פֿאַר בערעלען, און זיי האָבן אויסגעמיטן צו ריידן איינער מיטן אַנדערן. מיט אַלעמען אין שטוב איז שוין בערעלע געווען ווי אַן אייגענער, פֿרעמד איז ער געווען נאָר מיט לייבלען. אָבער בערעלעס האַרץ האָט דווקא געצויגן צו לייבלען.

איין מאָל — שבת איז דאָס געווען — מען האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן און אין שטוב זיינען געבליבן נאָר לייבל און בערעלע, האָט לייבל ווי געוויינלעך גענומען לייענען אַ בוך. אין שטוב האָט געהערשט די רואיקייט פֿון הייליקן שבת. און בערעלע איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און געקוקט אויף לייבלען.

פּלוצלונג מאַכט בערעלע צו לייבלען:

— „וואָס פֿאַר אַ ביכער לייענט איר עס, און וואָס לייענט איר פֿון זיי אַרויס?"

לייבל האָט אויפֿגעהויבן זיינע אויגן פֿון בוך און מיט אַ ליבן וואַרעמען שמייכל געזאָגט:

— „מענטשן דאַרפֿן לייענען ביכער כדי צו וויסן ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט, ווי אַזוי זייער לעבן גרינגער און בעסער צו מאַכן".

די פּאָר געציילטע אָבער וואַרעמע ווערטער זיינען בערעלען גלייך אין האַרצן אַריין. אַ מינוט שפּעטער פֿרעגט לייבל בערעלען:

— „האָסטו שוין אַמאָל געלייענט אַ בוך?"

בערעלע ענטפערט אַ פאַרשעמטער:

— „ניין!"

— „וואָלסטו וועלן איצט הערן דאָס בוך, וואָס איך לייען?" האָט לייבל געפרעגט, און גלייך אַליין געענטפערט: „איך וועל פאַר דיר פאָרלייענען". און לייבל האָט אויפגעמישט דאָס בוך צוריק פון אָנהייב און אָנגעהויבן לייענען אויפן קול און געלייענט לאַנגזאַם און מיט האַרץ.

דאָס בוך האָט געהייסן „יאָסעלע" און דאָרט איז געווען באַשריבן דאָס לעבן פון אַן אָרעמען יתום, ווי אַזוי דער רבי פלעגט אים שלאָגן פאַר די זינד פון די רייכע קינדער. וואָס לענגער לייבל האָט געלייענט אַלץ אומעדיקער איז בערעלע געוואָרן. יאָסעלעס עלנט און פיין האָבן אַרויסגע־רופן אַ סך, אַ סך טרערן פון בערעלעס אויגן. בערעלע איז געזעסן און האָט געהערט ווי לייבל לייענט און געוויינט און געוואָלט הערן נאָך און נאָך און נאָך.

נאָך דעם האָט בערעלע די גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפן. ער האָט נאָר געזען דעם פאַרוואָגלטן, דערשלאָגענעם, אָרעמען יאָסעלען.

אַך, — האָט בערעלע געטראַכט — ווען איך קאָן אויסגעפינען וואו יאָסעלע געפינט זיך איצט, איך וואָלט אים גענומען פאַרן האַנט און אים באַשיצט פון זיין רבין און פון די בייזע מענטשן, וואָס האָבן אים געפייניקט. איך וואָלט זיך פאַר יאָסעלען געשלאָגן ביז בלוט.

אויף מאָרגן ווען בערעלע האָט באַגעגנט לייבלען, האָט ער שוין אויף אים געקוקט ווי אויף אַ נאָענטן, אַן אייגענעם.

איין מאָל זאָגט לייבל צו בערעלען: — „איך וויל זאָלסט מיט מיר גיין שבת ביי טאָג אין וואַלד הינטערן שטאָט, נאָר קיינער טאָר פון דעם ניט וויסן".

בערעלעס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד. מיט אַ הייליקן ציטער האָט ער געוואַרט אויף שבת.

און אָט זיצט שוין בערעלע אויף אַ גרינער לאָנקע אין טיפן וואַלד. מיט אים צוזאַמען זיצן נאָך אַ צען בחורים און מיידלעך. ער איז דער יינגסטער צווישן זיי. עס איז צום ערשטן מאָל אין זיין יונג לעבן, אַז ער געפינט

זיך אין אַ געזעלשאַפט פון מיידלעך. ער זיצט אַ ביסל אַ פאַרשעמטער אָבער זיין האַרץ איז פול מיט פרייד. די גרינע לאָנקע אין טיפן סאָסנאָוון וואַלד, דאָס זינגען פון די פייגעלעך, די צען פרעמדע אָבער עפּעס אַזוינע נאָענטע מענטשן, וועלכע ער האָט דאָ צום ערשטן מאָל באַגעגנט — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי נײַ און אויך עפּעס אַזוי מאָדנע.

שטיל זיינען אַלע געזעסן אויף דער לאָנקע. מען האָט אויף אימעצן געוואַרט. אָט האָבן זיך פון אַ ווינקל פון וואַלד געגומען דערנענטערן צוויי פיגורן, אַ מאַן און אַ פרוי. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט אין זייער זייט. אַלע האָבן זיי באַגעגנט ווי גוטע, אַלטע באַקאַנטע. בערעלע האָט זיי געזען צום ערשטן מאָל.

מאָדנע האָבן זיי אויסגעזען אין זיינע אויגן.ביידע זיינען געווען שיין געקליידט, זייערע פּנימער אויסגערוטע, פריילעכע. אין דעם אָרעמען געסל האָט ער אַזוינע קיין מאָל ניט געזען. אַזוינע האָט בערעלע באַגעגנט אויף די גרויסע און שיינע גאַסן פון שטאָט.

דער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ גרויסן קאָפּ האָר, אַ פּאָר בלויע ברילן אויף דער נאָז, אויף די פּלייצעס אַ לייכטע זומערדיקע פּעלערינע.

די מיידל — הויך, עלעגאַנט, איינפאַך, אָבער שיין געקליידט, מיט אַ ליכטיק לאַכנדיקן פּנים. די מיידל האָט אַלעמען געזאָגט, אַז סאַמואיל (אַזוי האָט זי אָנגערופן דעם מאַן מיט דעם שוואַרצן קאָפּ האָר) וועט צו אונדז היינט ריידן וועגן דעם „בונד". צום ערשטן מאָל האָט בערעלע גע־הערט דאָס וואָרט „בונד".

ווען סאַמואיל האָט זיך אַוועקגעשטעלט ריידן, האָט ער פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. בערעלע האָט זיך דערשראָקן: שבת אַ פּאַפּיראָס?! ער האָט עס פריער קיין מאָל צווישן יידן ניט געזען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע פרומע יידן אין שטעטל, אָן זיין פרומען טאַטן. ווי שרעקלעך עס וואָלט גע־ווען, ווען דער טאַטע זעט אים שבת דאָ אין וואַלד מיט מיידלעך און מען רייכערט נאָך פּאַפּיראָסן. ביז איצט האָט בערעלע דעם שבת הייליק גע־היט. פרייטיק פאַר נאַכט פלעגט ער אויסליידיקן אַלע זיינע קעשענעס, ער פלעגט גיין אין שול, האָט פרום געדאַוונט און גאָט געבעטן. דאָס וואָס

סאַמואיל האָט שבת געררייכערט האָט אויף בערעלען אַרויסגעוואָרפן אַ מורא.

אָבער סאמואיל האָט גערעדט מיט פייער, מיט באַגייסטערונג. זיין ריידן האָט בערעלען דערוואָרעמט, בערעלע האָט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן שבת און וועגן דעם פּאַפּיראָס. סאַמואיל האָט דערקלערט, אַז די אַרבעטער דאַרפן זיך אָרגאַניזירן, זיי דאַרפן קעמפן פאַר קירצערער אַרבעטצייט, פאַר העכערע שכירות. זיי דאַרפן קעמפן קעגן צאַריזם, וועלכער נעמט צו ביי אַלע מענטשן די פרייהייט. די יידישע אַרבעטער דאַרפן קעמפן, אַז אַלע יידן זאָלן האָבן גלייכע רעכט מיט אַלע מענטשן אין דעם גרויסן רוסלאַנד.

דער „בונד" — האָט סאַמואיל ווייטער געזאָגט — איז די אָרגאַניזאַציע וואָס פאַראייניקט אַלע יידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד, פוילן און ליטע, וועלכע קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט, אַז די רייכע זאָלן ניט פאַרשקלאַפן די אָרעמע, אַז אַלע מענטשן זאָלן אַרבעטן און גליקלעך זיין. אָרעמקייט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

איר — האָט זיך סאַמואיל געווענדט צו די פאַרזאַמלטע בחורים און מיידלעך — איר דאַרפט זיין מיט די וואָס ווילן די וועלט באַפרייען פון שקלאַפעריי. עס טאָר ניט זיין קיין אונטערשייד צווישן ייד און קריסט. אַלע מענטשן זיינען ברידער.

בערעלע איז געזעסן אַ פאַרגאַפטער. ער האָט געשלונגען יעדער וואָרט.

— אָט דאָס האָב איך דאָך אַליין אַלע מאָל געטראַכט — האָט בערעלע געזאָגט צו זיך אַליין אין האַרצן.

ווען סאַמואיל האָט געענדיקט ריידן, האָט בערעלע דערפילט אַן אויפברויז אין אַלע זיינע גלידער. ער איז גלייך געווען גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס מען וועט אים נאָר הייסן. דאָס וואָרט „בונד" האָט בערעלע אויפן אָרט ליב געקראָגן. אין דעם דאָזיקן וואָרט האָט ער דערפילט דעם כשוף, די גבורה וועלכע וועט באַשיצן אַלע אָרעמע און אויך אים. און שטילערהייט,

פאַר זיך, האָט ער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געזאָגט: „בונד", „בונד", "בונד".

אויפן וועג צוריק פון וואַלד האָט זיך בערעלע דערמאָנט אָן זיין שטעטעלע, אָן זיין טאַטע-מאַמען, אָן זיינע ברידער און שוועסטער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער היימישער אָרעמקייט. אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען די שטילע וויינע רייד פון זיין מאַמען, אַז ווען ער, בערעלע, וועט עלטער ווערן, זאָל ער זיי העלפן. ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז סאַמואיל האָט געזאָגט, אַז אונדז דאַרף ניט שרעקן קיין טורמע און קיין סיביר. בערעלע האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן: ווי וועט קאָנען זיין מאַמע איבערטראָגן דעם צער, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז איר קינד זיצט אין טורמע? זי וועט פאַר חרפה און ווייטיק ניט קענען די שכנים קוקן אין די אויגן. זי וועט טראַכטן, אַז זי איז שולדיק פאַר וואָס זי האָט געלאָזן, אַז ער זאָל ווערן אַ שניידער, אַז דאָס האָט זי גאָט געשטראָפט, פאַר וואָס זי האָט געלאָזן, אַז איר קינד זאָל צוגענומען ווערן פון דער הייליקער תורה. און דער טאַטע, האָט בערעלע געטראַכט, וועט זיך שעמען צו גיין אין שול, אַלע וועלן אויף אים טייטלען מיט די פינגער און זאָגן:

— זע נאָר, זיין בערעלע וויל דאָך ניט דעם קייסער!

שווער איז געווען בערעלען אויפן האַרצן ווען ער האָט דאָס אַלץ געטראַכט. אָבער באַלד האָט ער ווידער גענומען טראַכטן וועגן דעם וואָס ער האָט געהערט אין וואַלד. ס'האָט אים פאַרטריבן די געדאַנקען וועגן טאַטע-מאַמע. זיין פאַנטאַזיע האָט אים גענומען הייבן העכער און העכער.

בערעלע האָט ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס דאַרף מען זיך באַהאַלטן, גיין אין וואַלד, אין הייזער הינטערן שטאָט, כדי צו הערן די גוטע רייד פון סאַמואילן? פאַר וואָס טאָר מען וועגן דעם ניט ריידן אָפן? בערעלע האָט די אַלע זאַכן פון אָנהייב ניט געקענט פאַרשטיין. אָבער גייענדיק אויף פאַרזאַמלונגען, הערנדיק די בונדישע רעדנער, האָט ער אָנגעפאַנגען אַלץ מער און מער צו באַגרייפן. אויף אַ פאַרזאַמלונג האָט איין מאָל אַ רעדנער מיטן נאָמען איסאַק גערעדט וועגן סאָפיע פעראָווסקאַיאַ, וועגן זשעליאַבאָוו און אַנדערע העלדן, וועלכע האָבן אַוועקגעלייגט דאָס לעבן פאַר דעם רוסישן פאָלק. איסאַק האָט דערציילט וועלן סאָפיע פעראָווסקאַיאַ — אַ טאָכטער פון אַ גענעראַל, וואָס האָט

געלעבט אין רייכקייט, אָבער זי האָט אַלץ אַוועקגעוואָרפן און איז אַוועק אין דאָרף אַריין העלפן די פּויערים וואָס האָבן געלעבט אין פינצערקייט, אין אָרעמקייט, וואָרעם אַלץ וואָס זיי האָבן געזייט אויף זייערע פעלדער האָט דער פּריץ ביי זיי צוגענומען. ווען אַ פּויער האָט זיך געקלאָגט אויף דער גוואַלדיקער אומגערעכטיקייט, וואָס מען באַגייט קעגן אים, האָט מען אים געשמיסן פאַר די אויגן פון גאַנצן דאָרף; מען האָט אים אַריינגעזעצט אין טורמע און דערנאָך פאַרשיקט אין סיביר.

סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ, (האָט סאַמואיל ווייטער גערעדט), ווען זי איז נאָך געווען גאָר אַ קליין קינד און איז געפאָרן אויף איר זומער־וואַקאַציע אין דאָרף, אין איר טאַטנס גרויסן, רייכן גוט (פאַרם), פלעגט זי זען ווי אומגעמענטשלעך מען באַגייט זיך מיט די אָרעמע פּויערים. איר קינדערשע איידעלע נשמה האָט פאַרנומען דעם גרויסן פּיין פון די אָרעמע פּויערים; ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אָרעמען פאַרמאַטערטן פאָלק. זי האָט, צוזאַמען מיט אַנדערע איידעלע קינדער פון רוסישן פאָלק, געוואָלט פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די פּויערים, אָבער דעם צאַרס פּאָליציי און זשאַנדאַרמען האָבן זיי פאַרבאָטן דאָס פאָלק צו לערנען און אויפצוקלערן. זיי האָבן גענומען פירן אַ קאַמף קעגן קייסער.

נאָך דעם ווי זיי האָבן געוואָרפן די באָמבע אויף דעם רוסישן צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָט מען אַ סך פון זיי אַרעסטירט און פינף האָט מען פאַרמשפּט צום טויט.

„און סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ, — האָט איסאַק ווייטער דערציילט, — איז געגאַנגען צום טויט אַ מונטערע, אַ פריילעכע, אַ שטאָלצע.“

נאָך דעם ווי איסאַק האָט געענדיקט די רעדע וועגן די העלדן וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַר דער פרייהייט פון רוסישן פאָלק, האָט בערעלע געטראַכט, אַז ער וואָלט אויך וועלן זיין ווי סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ.

ער האָט געטראַכט, ווי שיין עס איז צו לעבן און קעמפן פאַר די אָרעמע און אומגליקלעכע פון רוסישן פאָלק. און ווען אפילו עס קומט אויס צו שטאַרבן אין קאַמף, דאַרף דאָס ניט שרעקן, נאָר פאַרקערט, מען דאַרף שטאַרבן ווי אַ העלד.

צום ערשטן מאָל אַ גאַסט אין אַ רייכן הויז

איסאַק (דער אינטעליגענט וועלכן בערעלע האָט שוין געקענט גוט) האָט איין מאָל געזאָגט צו בערעלען: מאָרגן אָוונט וועלן זיך ביי לוריען אין שטוב צוזאַמענקלייבן אַ דרייסיק מענטשן, די אינטעליגענץ פון שטאָט ד. ער, איסאַק, וועט פאַר זיי האַלטן אַ לעקציע וועגן דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער האָט געזאָגט בערעלען, אַז ער זאָל מיט אים מיט־גיין.

לוריע איז געווען איינער פון די רייכסטע יידן אין שטאָט. זיינע צוויי קינדער, אַ בחור און אַ מיידל, האָבן שוין געהאַט געענדיקט אוניווערסיטעט. זיי זיינען געקומען פון פעטערבורג און זיך באַזעצט אין דער שטאָט ד.

דאָס מיידל, טאַניע איז איר נאָמען געווען — איז געווען זייער טעטיק אין „בונד". בערעלע האָט זיך מיט טאַניען געקענט. ער איז געווען אין אַ גרופע, וואו זי האָט געלערנט „די ערפורטער פראָגראַם" פון קאַרל קאַוטסקי. קיין יידיש האָט טאַניע גוט ניט געקענט, האָט זי דאָס פאַרגעלייענט אין רוסיש און האָט דערנאָך אין האַלב רוסיש און האַלב יידיש פאַר די אַר־בעטער איבערגעזעצט און פאַרטייטשט.

דאָס „קרייזל" איז פאַר די אַרבעטער און אויך פאַר בערעלען געווען אַן אָפקומעניש. אָבער קומען און אויסזיצן דעם אָוונט האָט מען געמוזט.

בערעלע איז פון איסאַקס איינלאַדונג צו דער פאַרלעזונג געווען זייער צופרידן. אַזאַ זאַך איז פאַר אים געווען אַ נייס. אין דער באַשטימטער צייט איז ער געקומען צו די לוריעס. אַ דינסט האָט געעפנט די טיר. ער איז דורכ־געגאַנגען אַ שיינעם לאַנגן קאָרידאָר און פון קאָרידאָר אַריין אין אַ גרויסן

ליכטיקן צימער. אין צימער זיינען געשטאַנען אַ סך באַקוועמע, ווייכע שטולן און בענק. אין מיטן פון גרויסן צימער איז געשטאַנען ניט גאָר קיין גרויסער טיש, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעשטעלט איבערצוברייטן פון אַל דאָס גוטס. פון אַלע פאַרזאַמלטע האָט בערעלע געקענט נאָר צוויי מענטשן: איסאַקן (דעם אינטעליגענט) און טאַניען. גערעדט האָבן אַלע צווישן זיך רוסיש.

ווען בערעלע איז אין צימער אַריין האָבן אַלע גענומען אויף אים וואַרפן זייערע בליקן. זיין אויסזען, זיינע אָרעמע אַרבעטער־קליידער האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז ניט פון זייער קרייז. אָבער אויב מען האָט אים געבראַכט אַהער, האָבן זיי געטראַכט, איז ער אוודאי אַ וויכטיקער מענטש. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט בערעלען האָט אַרויסגעוויזן די באַלעבאָסטע פון הויז, טאַניע. זי האָט געוואָלט די אַלע צונויפגעקומענע גבירישע קינדער וויזן, אַז זי קאָן זיך גוט מיט דעם אַרבעטער; מיט דעם האָט זי געוואָלט וויזן, אַז זי איז בכלל מיט די אַרבעטער אויסגעבונדן. בערעלע, מיט זיין קלוגן קאָפּ, האָט זייער גוט פאַרשטאַנען טאַניעס מיין, און ער האָט זיך געהאַלטען מיט ווערדע. ער האָט געוואוסט און געפילט, אַז די אַלע גבירישע קינדער קוקן היינט אויף אים ווי אויף „אַן אויסדערוויילטן", ווי אויף אַ פאַרטרעטער פון אַ קלאַס וואָס ווערט פאַרגעטערט פאַר זיין העלדישקייט.

דאָס גאַנצע צימער וואו אַלע זיינען געזעסן, ווי אויך די זייטיקע צימערן, וועלכע זיינען געווען אָפן און באַלויכטן, די בילדער אויף די ווענט, די פאַרהאַנגען אויף די פענצטער, די שיינע וואַזאָנעס, וואָס האָבן זיך געהויבן ביזן סטעליע, האָבן אויף בערעלען געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער אַזאַ רייכע, ליכטיקע באַקוועמע דירה געזען. אויך דאָ האָט בערעלע געטראַכט וועגן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן לוריעס הויז און די הייזער פון דעם אָרעמען קוואַרטאַל. בערעלע האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן זיין היימישן שטעטל, אָן זיין טאַטן און מאַמען, ברידער און שוועסטער, אָן זייער נויט און אָרעמקייט. זיינע טרויעריקע געדאַנקען, זיין שווער געמיט איז איבערגעריסן געוואָרן ווען איסאַק האָט אָנגעפאַנגען זיין פאָרטראָג.

איסאַק האָט גערעדט יידיש. ער האָט גערעדט וועגן די ווערק פון פּרצן און שלום אַשן, רייזענען און שלום־עליכמען. ער האָט גערעדט וועגן דער

פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע ווערק, וועגן די העלדן, וועלכע זיי באַשרייבן. ער האָט איבערגעגעבן מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט שלום אַש באַשרייבט זיין אָרעם יידיש שטעטל: די שבתים און אינדערוואָכנס, דעם מאַרק און די שיינע לאַנדשאַפטן. פאַר בערעלען איז דאָס אַלץ געווען ניי. ער איז געווען גליקלעך צו הערן, אַז עס זיינען דאָ שרייבער וועלכע שרייבן מיט ליבשאַפט וועגן אַזוינע שטעטלעך ווי זיינס. אויך בערעלע האָט ליב געהאַט זיין שטעטל און די יידן פון דעם שטעטל.

ווען איסאַק האָט געענדיקט זיין פאַרלעזונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ דיסקוסיע. אַלע האָבן גערעדט רוסיש. זיי זיינען געווען איינשטימיק מיט איסאַקן. נאָר איינער האָט זיך געקאָכט. ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס יידישע שטעטל און די יידן פון שטעטל זיינען אַן איבערבלייבעכץ פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט. יידן — האָט ער געזאָגט — סיי אין שטעטל, סיי אין שטאָט דאַרפן זיך צוזאַמענמישן מיט די גויים, מיט דער רוסישער קולטור און זיי דאַרפן וואָס גיכער אויפהערן צו זיין אַ באַזונדער פאָלק.

איסאַק האָט געענטפערט. ער האָט גערעדט רואיק אָבער מיט ליבע און וואַרעמקייט. ער האָט גערעדט וועגן דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן יידישן גלות, וועגן דער מאַרטירער־געשיכטע פון יידישן פאָלק, וועגן די יידישע פאָלקסמאַסן, וואָס ליגן אין פינצטערקייט, ווייל די יידישע אינטעליגענץ איז אַוועק פון איר. ניין, — האָט געזאָגט איסאַק, — מיר דאַרפן זיך אומקערן צוריק צו אונדזער פאָלק, ריידן צו אים אין זיין שפּראַך, ליידן צוזאַמען מיט אים און קעמפן צוזאַמען מיט אים. מיר האָבן די זעלבע רעכט אויף אונדזער שפּראַך און קולטור ווי אַנדערע פעלקער, — האָט ער אויסגעשריען.

בערעלע איז באַגייסטערט געוואָרן פון איסאַקס ריידן און ער האָט געטראַכט:

— אַך, ווען איך קאָן אַזוי ריידן ווי איסאַק! איך וואָלט געגאַנגען אין די אָרעמע גאַסן, אין די הייזער פון אָרעמקייט און נויט, איך וואָלט די אַלע מענטשן דאָרט דערוואַרעמט, איך וואָלט זיי געטרייסט, איך וואָלט זיי דערציילט, אַז עס זיינען דאָ יידישע שרייבער, וועלכע שרייבן וועגן זיי מיט ליבשאַפט און רחמנות.

בערעלע האָט זיך מיט אַ שטאַרקער לײדנשאַפט גענומען לײענען די װערק פֿון ייִדישע שרײַבער. איסאַק האָט אים געהאָלפֿן אױסקלײַבן ביכער װאָס ער האָט לײַבט געקאָנט פֿאַרשטײן, און װאָס מער בערעלע האָט גע־לײענט, אַלץ מער האָט ער אָנגעפֿאַנגען ליב צו האָבן זײַן פֿאָלק מיט אַ פֿײַער־דיקער לײדנשאַפֿט.

נאָך דער פֿאַרזאַמלונג אין װאַלד און נאָך דער פֿאַרלעזונג אין לוריעס הױז איז בערעלע גאָר אַן אַנדערער געװאָרן. ער האָט אָנגעפֿאַנגען אַ סך צו לײענען און צו באַגעגענען זיך מיט אַ סך נײַע מענטשן. זײַן לעבן האָט אַן אינהאַלט געקראָגן, און ער האָט שױן קײן מורא ניט געהאַט אַלײן אױך צו רײדן, אַרױסצוזאָגן מײנונגען. ער האָט זײער גיך געװאָונען דעם צוטרױ פֿון די װיכטיקסטע מענטשן פֿון „בונד" אין שטאָט. ער איז געװאָרן זײער אַן אָפֿטער אַרײַנגײער צו קאַטיען אין הױז. קאַטיע איז געװען אַ מײדל פֿון אַ יאָר 25, אַ קינד פֿון רײַכע עלטערן. זי האָט געענדיקט דעם פּעטערבורגער אוניװערסיטעט. זי האָט איצט איר גאַנצע צײַט אַװעקגעגעבן דער אַר־בעטער־באַװעגונג, דעם „בונד".

זי האָט אױפֿריכטיק ליב געהאַט די אַרבעטער. פֿאַר איר איז דער אָרעמער קװאַרטאַל און די מענטשן װאָס האָבן דאָרט געװאױנט געװאָרן די טרעגער פֿון אַ נײַער װעלט, די קעמפֿער פֿון דער גליקלעכער און שײנער צוקונפֿט. װען קאַטיע האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט בערעלען האָט זי אים ליב געקראָגן פֿאַר זײַן מוטיקײט און פֿאַר זײַן קלוגן און שײנעם רײדן. אין בערעלען האָט זי געזען דעם שײנעם אױפֿבלױז פֿון אָרעמען קװאַרטאַל.

בערעלע איז אַלע מאָל געגאַנגען צו קאַטיען מיט צופֿרידנקײט און שטאָלץ. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ניט יעדער אײנציקער אַרבעטער, ניט יעדער מענטש פֿון דער באַװעגונג אפֿילו, קען קומען צו קאַטיען. ער האָט געפֿילט, אַז קאַטיע די אינטעליגענטקע, די פֿירערקע פֿון „בונד" אין שטאָט, האַלט פֿון אים זײער אַ סך.

אײן מאָל זאָגט קאַטיע צו בערעלען:

— הײַנטיקן פֿרײַטיק בײַנאַכט װעט מען איבער דער גאַנצער שטאָט פֿאַרשפּרײטן בונדישע פּראָקלאַמאַציעס אין ייִדיש. אָבער לעבן די קאַזאַר־

מעס, וואו עס געפינען זיך די סאָלדאַטן, וועט מען דאַרפן פאַרשפרייטן פּראָקלאַמאַציעס אין רוסיש. דער קאָמיטעט האָט באַשטימט אַז ער, בערעלע, מיט נאָך איינעם זאָלן פאַרשפרייטן די פּראָקלאַמאַציעס צווישן די סאָלדאַטן.

ווען קאַטיע האָט אים דאָס געזאָגט האָט זי אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין; זי האָט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט אויף אים מאַכן. בערעלע האָט מיט שטאָלץ געזאָגט קאַטיען, אַז ער איז גרייט דאָס צו טאָן, אַז קיין זאַך שרעקט אים נישט אָפּ. קאַטיע איז אַזוי גערירט געוואָרן פון דער מוטיקייט פון דעם זיבעצן־יאָריקן יינגל, אַז זי האָט אים אַרומגענומען און הייס אַ קוש געגעבן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט בערעלע געקראָגן אַ קוש פון אַ מיידל. ער האָט זיך אַזוי פאַרשעמט, אַז ער איז אַזש רויט געוואָרן.

פרייטיק, ווי נאָר ס'איז געוואָרן פינצטער, האָט בערעלע גענומען די פּראָקלאַמאַציעס, זיי באַהאַלטן אונטער די קליידער און איז אַוועק צו די קאַזאַרמעס. ער האָט די פּראָקלאַמאַציעס צעשפּרייט אַרום די קאַזאַרמעס זייער פאָרזיכטיק.

ער איז געקומען צו קאַטיען אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן דורכצופירן אַזאַ ריזיקאַלישע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, וואָס דער קאָמיטעט האָט נאָר אים אָנפאַרטרויט.

דער ערשטער אַרעסט

שווער און געפֿערלעך איז געוואָרן בערעלעס לעבן. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע איבערלעבונגען. פּראָקלאַמאַציעס, געווער, באָמבעס און דעמאָנסטראַציעס. מיט דעם האָט בערעלע געלעבט, דאָס איז געווען די לופֿט מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט.

אָפֿט פֿלעגט אים זיין מאַמע פֿון דעם קליינעם שטעטל שרייבן און בעטן זיך: זון מיינער, קום אַמאָל אַהיים, שרייב אַ מאָל אַ בריוו. בערעלעס כאַראַקטער איז געוואָרן פֿאַרהאַרטעוועט. אָבער ווען ער פֿלעגט דערהאַלטן דעם בריוו פֿון זיין מאַמען פֿלעגט ער זיך פֿאַרטראַכטן, און אויף זיין פּנים פֿלעגט זיך צעגיסן ווייכקייט, די אויגן פֿלעגן אָנגעפֿילט ווערן מיט טרערן, און ער פֿלעגט צו זיך זאָגן: ווי שלעכט איך בין צו מיין אייגענע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, אָן אַלעמען פֿאַרגעסן! פֿאַר וואָס בין איך אַזוי שלעכט צו זיי? אָבער לאַנג פֿלעגט ביי בערעלען אַזאַ שטימונג ניט געדויערן.

איין מאָל האָט ער באַקומען אַ בריוו פֿון דער היים, אַז די מאַמע איז זייער קראַנק. פֿון איר קראַנקן בעט בעט זי, אַז בערעלע זאָל קומען, זי וויל אויף אים אַ קוק טאָן, אפֿשר וועט דאָס זיין דאָס לעצטע מאָל. בערעלע האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן זען די קראַנקע מאַמען. ער איז אַוועק צו זיין חברטע קאַטיען זאָגן איר, אַז ער מוז אויף אַ וואָך זיין אַרבעט אימעצן איבערגעבן, ער מוז פֿאָרן צו דער קראַנקער מאַמען. חברטע קאַטיע האָט בערעלען געהייסן פֿאָרן, אָבער אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווייל מען דאַרף דערליידיקן אַ פּאָר זאַכן.

ווען ער איז געגאַנגען פון קאַטיעס הויז איז אַ שפּיאָן צוגעקומען צו בערעלען און האָט אים אַרעסטירט. דער שפּיאָן האָט בערעלען אַוועקגע־פירט אין פּאָליציי־צירקל. דאָ האָט מען אים לאַנג ניט געהאַלטן, מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין טורמע.

פון פּאָליציי־צירקל האָט מען 10 אַ זייגער אין דער פרי בערעלען אַוועק־געפירט אין טורמע. געפירט האָבן אים צוויי פּאָליציי־לייט. זיי האָבן אַרויסגענומען זייערע שווערדן, וועלכע האָבן געבלישטשעט פון ריינקייט, צוגעשפּאַרט זיי צום אַקסל, און דער קליינער בערעלע איז געגאַנגען אין מיטן.

די טורמע האָט זיך געפונען אין צווייטן עק שטאָט, און מ'האָט גע־דאַרפט דורכגיין די וויכטיקע גאַסן פון שטאָט. ווען מען האָט בערעלען געפירט האָבן אַלע דורכגייער זיך אָפּגעשטעלט קוקן. בערעלע האָט זיך געהאַלטן דרייסט, געגאַנגען מיט אַן אַרויפגעהויבענעם קאָפּ. ער האָט גע־טראַכט: אויב אַ באַקאַנטער חבר וועט דורכגיין און אים דערזען, זאָל ער איבערגעבן קאַטיען, אַז ער איז געגאַנגען ווי אַ העלד.

און אָט איז ער שוין אין טורמע. מען פאַרשרייבט זיין נאָמען און מען זאָגט דעם וועכטער, אַז ער זאָל אים אריינפירן אין „קאַמער 32". עס עפנט דער וועכטער מיט זיין שליסל די טיר פון קאַמער און הייסט אים אַריינגיין. די טיר פאַרשליסט זיך הינטער אים.

אין דעם זעלבן קאַמער זיינען שוין געזעסן פינף אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע. זיי האָבן בערעלען וואַרעם באַגעגנט. זיי האָבן ביי אים גע־פרעגט פאַר וואָס מען האָט אים אַרעסטירט. ער האָט זיי אַלץ דערציילט. זיי האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ווען מען וועט אים רופן אויף אויסצופרעגן זאָל ער לייקענען שטיין און ביין.

בערעלע האָט זיך צו דער טורמע זייער גיך צוגעוואוינט, און דאָרט האָט ער גענומען לייענען רוסישע ביכער. די טורמע איז געוואָרן זיין שול, זיין אוניווערסיטעט.

די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן צווישן זיך געלעבט זייער גוט. מען האָט געלעבט אין אַ קאָמונע. ווען איינער האָט עפּעס געהאַט איז דאָס געווען אַלעמענס. די וועכטער פון טורמע האָבן זיך מיט די פּאָליטישע אַרעס־טירטע באַנומען מיט אַ סך רעספּעקט.

בערעלען איז דאָס טורמע־לעבן גראָד געפעלן געוואָרן. שפּאַצירנדיק איבערן קאַמער, פאַרטיפט אין זיינע אייגענע מחשבות, פלעגט ער זאָגן צו זיך אַליין: דאָ אין טורמע דאַרף מען זיך צוגרייטן! און צוגרייטן האָט ביי אים געמיינט זיך מער לערנען, מער לייענען, כדי וואָס מער צו פאַרשטיין, און ווען מען וועט צוריק אַרויס אויף דער פריי, זאָל מען זיין בעסער צוגעגרייט פאַר דער גרויסער און הייליקער אַרבעט פון „בונד".

אין טורמע פלעגט מען אַלע טאָג ברענגען אַלץ נייע און פרישע אַרעס־טאַנטן. וואָס גרעסער און שטאַרקער עס איז געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין שטאָט, אויף דער פריי, אַלץ מער פלעגט מען אַרעסטירן. די נייע מענטשן פלעגן אין טורמע ברענגען זייער פריילעכע גרוסן. זיי פלעגן דערציילן, אַז דער אָרעמער קוואַרטאַל פון שטאָט איז געוואָרן לעַ־בעדיק, די מענטשן זיינען דאָרטן גאָר אַנדערע געוואָרן. די שניידער און שוסטער, די סטאָליאַרעס און שמידן, די קצבים און פורמאַנעס — אַלע זיי־נען מיט דעם „בונד". בערעלע האָט געהאַט אַ סך נחת פון די אַלע פריילע־כע גרוסן, וואָס דאָרט, אויף דער פריי, האָט אַזוי געקאָכט מיט לעבן, וואָס דאָרטן ווערן אָפּגעהאַלטן אַזוי פיל פאַרזאַמלונגען, אַזוי פיל סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס.

ער האָט אין טורמע באַזונדערש ליב געהאַט די זומערדיקע פאַרנאַכטן. אַלע איינוואוינער פון טורמע זיינען געווען פאַרשלאָסן אין די קאַמערן. אויפן הויף פון טורמע האָט געהערשט אַ מוראדיקע שטילקייט. דאַן פלעגן זיך די פּאָליטישע אַרעסטירטע אָנוועקזעצן אויף זייערע גרויסע נאַרעס און פלעגן זינגען לידער. מען פלעגט זינגען אין רוסיש און אין יידיש. מען פלעגט זינגען לידער פריילעכע און לידער אומעטיקע, לידער פון קאַמף און טרויער. שטאַרקער פון אַלע לידער האָט ער ליב געהאַט דוד עדעלשטאַטס: „אָ, גוטע פריינד, אַז איך וועל שטאַרבן". דאָס איז געווען אַ ליד פון קאַמף און העלדישקייט. ווען בערעלען פלעגט זיין אומעטיק אויפן האַרצן, פלעגט ער בעטן מען זאָל זינגען דאָס ליד „סלושאַי". אַך, ווי ליב בערעלע האָט געהאַט דאָס דאָזיקע ליד אין די שטילע פאַרנאַכטן!

ביינאַכט, ווען אַלע אַרעסטאַנטן פלעגן איינשלאָפן און אין קאַמער איז געוואָרן פינצטער, פלעגט בערעלע אוועקשטעלן זיך ביים פענצטער און

קוקן דורך די אייזערנע גראַטעס אויף דער באַלויכטענער שטאָט. בערעלעס קאַמער איז געווען אויף דעם העכסטן עטאַזש פון טורמע. די הויכע טורמע־וואַנט האָט זיך צו די פענצטער פון זיין עטאַזש ניט דערהויבן. בערעלע פלעגט ביים פענצטער אָפּשטיין פאַרטראַכט גאַנצע שעהן. ער פלעגט קוקן אויף יענע גאַסן וואו די פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען אין די פאַרבאַהאַלטענע קעלערן. אָפט האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אַז די מענטשן וועלכע גייען פאַרביי דער טורמע, גייען צוליב דעם, ווייל זיי זיינען אייגענע. דאָס גייען דורך חברים, וואָס ווילן אַ קוק געבן אויף יענע אייזערנע גראַטעס הינטער וועלכע עס ליגן פאַרשפּאַרט די קעמפער פאַר פרייהייט.

אָפט, שטייענדיק אַזוי ביי די גראַטעס אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, פלעגט בערעלע פאַר זיך אַליין אָנהייבן צו זינגען:

אין לאַנד, וואו ס׳קייקלט די לענאַ
איר מעכטיקן וואַסער, דעם קאַלטן, —
דאָרט שטייט זיך אַ קליינינקע יורטאַ
אין אייביקע שנייען באַהאַלטן.

זי שטייט זיך אַ שפּיל פאַרן שטורעם,
פאַרוואָרפן אין מיטן דעם פעלד.
דאָרט שמאַכט אין שרעקלעכן עלנד
דער קראַנקער, דער שטאַרבנדער העלד.



די מומע

ווען בערעלע איז צום ערשטן מאָל אַריין אין טורמע, איז ער אין האַרצן געווען שטאָלץ, וואָס אויף זיין גורל איז שוין אַזוי פרי אויסגעפאַלן צו ליידן פאַר אַ באַוועגונג, וועלכע איז אין קאַמף קעגן דעם קייסער און קעגן דער איצטיקער אומגערעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס קעגן איר האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן אַזוי פיל האַס און פאַראַכטונג.

בערעלע פלעגט שטילערהייט, אַרומגייענדיק איבערן קאַמער פון טורמע, צו זיך אַליין רעדן: אויב מ'האָט אים אַרעסטירט איז דאָך דאָס אַליין אַ באַווייז, אַז מ'האָט פאַר אים מורא, אַז די צאַרישע רעגירונג ווייס, אַז אין אים שטעקט אַ געפאַר פאַר איר. ווען ער האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם, האָט ער געפילט ווי זיין קערפּער הייבט זיך העכער און קרעפטיקער. אין זיינע מוסקולן האָט ער דעמאָלט געפילט אַ מוראדיקן כוח, ווי איינער וואָלט געזאָגט: „מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן און מיר וועלן זען ווער ס'וועט וועמען פאַרניכטן,” און איבערגעצייגט איז ער דעמאָלט געווען אַז ער צוזאַמען מיט דער באַוועגונג וועלן אַרויסגיין די זיגער.

פונעם ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אַריין אין טורמע, האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, וואָס טוט מען, אַז טאַטע און מאַמע זאָלן זיך ניט דערוויסן, אַז ער, בערעלע, איז פאַרשפאַרט אין טורמע. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז אַלע מיטלען דאַרף מען אָנווענדן, צו פאַרבאָרגן דאָס פון טאַטן און מאַמען.

זייער גיך האָט בערעלע אויסגעפונען פון די איבעריקע חברים אין זיין קאַמער, אַז מען קען פון טורמע אַרויסשיקן בריוו פאַרבאַהאַלטענערהייט, און אַז אויפן קאָנווערט פון בריוו קען מען אָנשרייבן נאָר דעם נומער און דעם נאָמען פון דער גאַס פון

דער טורמע, דאָס וואָרט „טורמע" ניט דערמאָנענדיק. אַזוי וועלן טאַטע־מאַמע באַקומען בריוו פון בערעלען און וועלן בערעלען ענטפערן און זיי וועלן ניט וויסן, אַז ער איז אין טורמע. אַ לאַנגע צייט האָט זיך בערעלע אַזוי דורכגעשריבן מיט זיינע עלטערן. אין יעדער בריוו, וואָס בערעלע האָט געשריבן צו זיינע עלטערן אַהיים, האָט ער פאַרזיכערט, אַז ער אַרבעט אין זייער אַ גוטן פלאַץ, ער פאַרבריינגט גוט, און ווען ער וועט נאָר האָבן צייט, וועט ער קומען זיך זען מיטן טאַטן און דער מאַמען אין זייער שטעטל. בערעלע האָט קיין מאָל אַזוינע צאַרטע, האַרציקע און וואַרעמע בריוו צו זיינע עלטערן ניט געשריבן, ווי די בריוו וועלכע ער האָט צו זיי געשיקט פון טורמע. ערשטנס האָט בערעלע געהאַט אַ סך צייט אויף שרייבן בריוו; צווייטנס האָט ער דורך דער וואַרעמקייט און צאַרטקייט געוואָלט מער פאַרדעקן זיין איצטיק טורמע־לעבן, וואָס איז דערווייל געווען פאַר די עלטערן אַ סוד.

איין מאָל באַקומט בערעלע פון זיין מוטער אַ בריוו, אַז די מומע כאַשע, דער מאַמעס שוועסטער, איז זייער קראַנק. זי איז שוין געווען ביי אַלע דאָקטוירים, זי האָט שוין אויסגעפּרואווט אַלע רפואות, און די קראַנקייט ווערט ניט בעסער. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז די מומע זאָל פאָרן אין דער גרויסער שטאָט וואו עס געפינט זיך איצט בערעלע. זיי בעטן אים, אַז ער, בערעלע, זאָל דער מומען אַרויסהעלפן און נעמען זי צו אַ גרויסן דאָקטער, און אַזוי ווי זי האָט קיינעם ניט אין דער גרויסער שטאָט און וועט דאָרטן זיין עלנט, וועט זי פאַרפאָרן צו אים אויפן קוואַרטיר און ער, בערעלע, זאָל איר אַרויסהעלפן.

ווען בערעלע האָט דעם בריוו באַקומען, האָט אין אים גענומען ציטערן יעדער אבר. ער האָט דערפילט, אַז די שפּיל איז פאַרביי, אַז דורך דעם וועלן זיך טאַטע־מאַמע דערוויסן, אַז ער האָט זיי די גאַנצע צייט גענאַרט. אויסער דעם וועט דאָך די מומע פאַרפאָרן אין . . . טורמע. און וואָס וועט די מומע טאָן איינע אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט? און ווען זי וועט צופאָרן לויטן אַדרעס פון טורמע — וועט זי דאָך פאַרצווייפלט ווערן. זי קען דאָך פון דעם נאָך מער קראַנק ווערן!

בערעלע האָט די מומע כאַשען זייער ליב געהאַט. ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, פלעגט די מומע כאַשע אים אַרויסווייזן זייער אַ סך צערט־

לעכקייט. זי פלעגט אים באַשיצן פון די קלעפּ וואָס דער טאַטע פלעגט אים וועלן געבן פאַר די שטיפעריען וואָס ער פלעגט אָפּטאָן. און איצט וועט די מומע כאַשע פאָרן צו אים, צו בערעלען, און וועט אויסגעפינען, אַז בערעלע זיצט גאָר אין טורמע. בערעלע איז געווען מאַכטלאָז. שרייבן אַהיים איצט דעם אמת האָט ער קיין מוט ניט געהאַט. אויסער דעם איז די צייט צו קורץ, אַז מ'זאָל אין דער היים קענען לאָזן וויסן וועגן דעם גאַנצן פּלאָנטער.

כאָטש די מומע כאַשע איז קיין מאָל אין קיין גרויסער שטאָט ניט געווען, זי האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אין קליינעם שטעטעלע שטיל און רואיק, האָט זי זיך אָבער ניט פאַרלוירן, ווען זי איז צו דער טורמע צוגעפאָרן. זי האָט גלייך ביים טורמע־וועכטער געפרעגט, צי אין דעם הויז געפינט זיך בערעלע, אָנרופנדיק אויך זיין צווייטן נאָמען, זיין פאַמיליע־נאָמען. דער וועכטער האָט מיט אַ שמייכל אויפן פּנים געענטפערט, אַז בערעלע וואוינט דאָ, אָבער זען אים קען מען ניט, סיידן מען קריגט אַ דער־לויבעניש פון שעף פון טורמע.

די מומע כאַשע איז גלייך געגאַנגען צום שעף און האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט בערעלען.

אין בערעלעס קאַמער קומט אַריין דער וועכטער און זאָגט בערעלען, אַז זיין מאַמע וואַרט אויף אים אין קאַנטאָר פון טורמע, און אַז ער קען זי זען. בערעלע האָט זיך אויפן מאָמענט ניט געקענט פאָרשטעלן ווי אַזוי עס קומט אַהער זיין מאַמע. ער האָט גלייך אַ טראַכט געגעבן, אַז אפשר איז זיין מאַמע געפאָרן מיט דער קראַנקער מומע כאַשען. מיט אַ געפיל פון פרייד און שרעק איז בערעלע פון קאַמער אַרויס און אונטער דער אויפזיכט פון וועכטער איז ער געגאַנגען אין קאַנטאָר פון טורמע. אָבער ניט די מאַמען האָט ער דאָרטן באַגעגנט, נאָר די מומע כאַשען. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער די מומען באַגעגנט און שטילערהייט האָט זי צו בערעלען געזאָגט: „איך האָב געזאָגט דעם שעף, אַז איך בין דיין מאַמע, און דערפאַר האָט מען מיך צוגעלאָזן צו דיר."

די מומע כאַשע האָט געפרעגט בערעלען, פאַר וואָס מע האָט אים אין טורמע אַריינגעזעצט. בערעלע האָט גענומען פאַרזיכערן, אַז ס'איז ניט פאַר

גנבה און נים פּאַר גזלה, נאָר דערפֿאַר ווייל ער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר די אָרעמע און די עלנטע, און זי זאָל זיך נים שרעקן. אים, בערעלען, איז אין טורמע נים שלעכט. ער איז אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער. מע באַהאַנדלט אים אין טורמע זייער גוט, און אין אַ חודש אָדער צוויי אַרום וועט מען אים זיכער אַרויסלאָזן. בערעלע האָט גענומען בעטן די מומע כאַשען, אַז ווען זי וועט קומען צוריק אַהיים, זאָל זי דאָס דער מאַמען און דעם טאַטן נים דערציילן, ווייל די מאַמע וועט עס נים קענען אַריבערטראָגן. די מומע כאַשע האָט פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט עס דער מאַמען נים דערציילן. אָבער פֿון דעם טאַטן וועט זי עס נים קענען באַהאַלטן. דעם טאַטן וועט זי דעם גאַנצן אמת דערציילן.

מער האָט בערעלע די מומע כאַשען נים געזען. מער איז זי צו אים נים געקומען. שפּעטער האָט בערעלע באַקומען אַ בריוו פֿונעם טאַטן, אין וועלכן ער שרייבט, אַז די מומע כאַשע האָט אים אַלץ דערציילט און אַז די מאַמע ווייס פֿון אַלץ. די מאַמע וויינט טאָג און נאַכט אויפֿן אומגליק, וואָס איר האָט געטראָפֿן, אַז איר בערעלע זיצט אין טורמע. בערעלען איז גרינגער געוואָרן פֿון דעם וואָס די שפּיל איז פֿאַרביי. ער וועט איצט קענען דער מאַמען שרייבן בריוו פֿון טורמע, בריוו פֿון דערמוטיקונג. בערעלע האָט זיך גלייך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו דער מאַמען. ער האָט אין דעם בריוו דער מאַמען פֿאַרזיכערט, אַז זיין לעבן איז נים אין געפֿאַר, אַז ער זיצט אין טורמע נים פֿאַר אַ פֿאַרברעכן, וואָס ער איז קעגן עמעצן באַגאַנגען, נאָר פֿאַר דעם וואָס ער וויל, אַז אַלע מענטשן זאָלן ווערן פֿריי און עס זאָל אָפּגעשאַפֿט ווערן אָרעמקייט און נויט; אַז דאָס לעבן פֿון אַלע די וואָס לעבן אַזוי שווער ווי די מאַמע זיינע, זאָל גרינגער ווערן, זאָל בעסער ווערן.

איין מאָל רופֿט מען אים אַרויס אין קאַנטאָר פֿון טורמע און מען זאָגט אים: היינט גייסטו אַרויס, דו ביסט שוין אָפּגעזעסן דיין צייט.

צוריק אין געבורט־שטעטל

ווען בערעלע איז אַרעסטירט געוואָרן איז ער נאָך געווען אַ מינדער־יאָריקער. דאָס רוסישע געזעץ האָט צו אים שטרענג ניט געקענט זיין. איין מאָל איז געקומען אַ באַפעל פון פּעטערבורג, אַז מע זאָל בערעלען באַפרייען און אַרויסשיקן אין זיין געבורט־שטעטל, וואו ער זאָל זיך אַלע טאָג געפינען אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי. דריי וואָכן האָט מען בערעלען געפירט פון איין טורמע צו דער צווייטער ביז וואַנען מען האָט אים אין זיין שטעטל געבראַכט.

די יידן פון שטעטל געדענקען בערעלען ווי אַ ייִנגל פון אָרעמע עלטערן, אויף וועמען מען האָט אין שטעטל געקוקט מיט פאַראַכטונג און גרינגשעצונג, ווי אויף אַלע יינגלעך פון זיין אָרעמען שטאַנד. איצט איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן אַ גאַנצער מענטש! ער וויל ניט דעם קייסער און האָט אפילו קיין מורא ניט צו גיין אין טורמע, און ווער ווייס מיט וואָס עס וועט זיך נאָך ענדיקן — אפשר וועט מען אים נאָך דערפאַר פאַרשיקן קיין סיביר, פון וואַנען ער וועט שוין אפשר קיין מאָל מער ניט קומען צוריק. וועגן בערעלען האָבן אַלע אין שטעטל גערעדט. עס האָבן גערעדט עלטערע יידן אין שול, פרויען זיצנדיק אויף די פריזבעס. ווען אַ פרוי איז אַריינגעגאַנגען עפּעס קויפן אין אַ געוועלב, איז איידער זי האָט געבעטן וואָס זי דאַרף, האָט זי דעם קרעמער געפרעגט: „נו, ווי געפעלט אייך בערעלע, וואָס וויל ניט דעם קייסער, וואָס וויל איבערמאַכן די וועלט?” אין די פראַגעס האָט אַלע מאָל געקלונגען איראָניע און געלעכטער. אָבער אין דער אמתן, טיף אין האַרצן, האָט יעדער איינציקער געפילט, אַז בערעלע איז עפּעס אַ נייער מענטש געוואָרן.

ווען מע האָט בערעלען געבראַכט אין שטעטל און ער איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין שטוב, איז אויפן טאַטנס פּנים אויסגעגאָסן געוואָרן אַן איינגעהאַלטענע צופֿרידנקייט. דער טאַטע האָט מסתמא געוואָלט מיט זיין האַלטונג ווייזן בערעלען, אַז ער איז זייער צופֿרידן, וואָס ער איז געקומען אַהיים, וואָס ער איז אַרויס פֿון די גויאישע הענט, אָבער ער איז שטאַרק ניט צופֿרידן, וואָס בערעלע האָט אָנגעהויבן גיין אויף שלעכטע וועגן.

אַנדערש האָט אים באַגעגנט די מאַמע און זיינע ברידער און שוועסטער. די מאַמע איז אים אַרויסגעפֿאַלן אויפֿן האַלדז, האָט אים גענומען קושן און פֿון אירע אויגן האָבן זיך געגאָסן הייסע טרערן, אָבער דאָס זיינען געווען טרערן פֿון פֿרייד און פֿון גליק. „זון מיינער״, האָט די מאַמע געזאָגט, — „איך דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, וואָס דו האָסט זיך אַרויסגעריסן פֿון גויאישע הענט. דו וועסט איצט מיט אונדז זיין און גאָט דער אַלמעכטיקער וועט דיך באַשיצן.״

בערעלע איז גלייך אַוועקגעגאַנגען צום שניידער פֿון שטעטל און געבעטן, אַז ער זאָל אים געבן אַרבעט. דער שניידער האָט עס געטאָן. בערעלע איז געזעסן ביי דער מאַשין טאָג און נאַכט און האָט געאַרבעט. ביי דער אַרבעט פֿלעגט ער שטילערהייט זינגען יענע לידער, וועלכע מען האָט געזונגען אין טורמע און אויף פֿאַרזאַמלונגען אין וואַלד. פֿאַר בערעלען האָבן אַלע מורא געהאַט. טאַטעס און מאַמעס האָבן געשטערט זייערע קינדער מיט בערעלען זיך צו באַגעגענען. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז בערעלע וועט זייערע קינדער אַרונטערפֿירן פֿון גלייכן וועג. אָבער וואָס מער די טאַטעס און מאַמעס האָבן געשטערט די קינדער צו באַגעגענען זיך מיט בערעלען, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער פֿאַרלאַנג ביי די יונגע קינדער צו זיין אין בערעלעס געזעלשאַפֿט. בערעלע האָט אויך אויסגעמידן די קינדער פֿון זיין שטעטל. ער האָט ניט געוואָלט שאַפֿן קיין קריגערייען צווישן די ייִדן פֿון שטעטל מיט זיינע עלטערן.

בערעלע פֿלעגט זיך אַלע פֿאַרנאַכט דאַרפֿן מעלדן צום פּאָליציאַנט; אַזוי האָט געפֿאָדערט דאָס געזעץ. איין מאָל אין אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט, ווען די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין, זיינען אין שטעטל אַריינ־

געפֿאָרן אַ שיינע פּאָר פֿערד מיט אַ פּריצישער בויד. די גלעקער אויף די העלדזער פֿון די שיינע פּאָר פֿערד האָבן הילכיק געקלונגען. דאָס קלינגען האָט צעררודערט די שטילקייט פֿון שטעטל. אין בויד זיינען געזעסן פֿיר זשאַנדאַרמען מיט אַ שעף. זיי זיינען פֿאַרפֿאָרן אין רייכסטן הויז פֿון שטעטל. גיך האָט זיך דאָס שטעטל דערוואוסט, אַז דער שעף מיט די זשאַנדאַרמען זיינען געקומען צוליב בערעלען. אַ זשאַנדאַרם איז אַוועק צו בערעלעס טאַטן אין שטוב זאָגן בערעלען, אַז דער שעף וויל אים זען. בערעלע איז דעמאָלט אין שטוב ניט געווען. ער איז געזעסן ביים שניידער און געאַרבעט. בערעלעס טאַטע, אַ דערשראָקענער און אַ צעטומלטער, איז אַוועקגעגאַנגען אָנזאָגן בערעלען די שלעכטע בשורה.

ווען בערעלעס טאַטע איז אַריין צום שניידער אין שטוב, האָט ער בערעלען אָפּגערופֿן שטילערהייט אָן אַ זייט און האָט אים אַלץ דערציילט. בערעלע האָט זיך גלייך אָנגעטאָן און איז אַוועק צום שעף פֿון די זשאַנדאַרמען. אַלע אין שטעטל האָבן שוין פֿון די נייעס געוואוסט. אין שטעטל האָט זיך געקאָכט. ווען בערעלע איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, האָבן אַלע איינוואוינער פֿון שטעטל אים מיט בליקן באַגלייט. אין אַלעמענס אויגן איז געווען מיטלייד אויף בערעלען. אָבער בערעלע איז איבערן גאַס געגאַנגען שטאָלץ. און אָט איז שוין בערעלע ביים שעף אין צימער. דאָס איז געווען דער זעלבער שעף פֿון די זשאַנדאַרמען וועלכער האָט בערעלען שוין עטלעכע מאָל גענומען אויף אַ פֿאַרהער, ווען ער איז אין טורמע געזעסן. דער שעף האָט בערעלען באַגעגנט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַ סאַמאָוואַר מיט גלעזער טיי. דער שעף האָט בערעלען איינגעלאַדן צו טרינקען טיי מיט אים צוזאַמען. ער האָט פֿון זיין קעשענע אַרויסגענומען אַ זילבערן שאַכטל פּאַפּיראָסן און האָט בערעלען מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס. אין אַ געמיטלעכן געשפּרעך האָט דער שעף פֿון דאָס ניי אויסגעפֿרעגט בערעלען. אָבער ניט אויף אַלע פֿראַגעס האָט אים בערעלע געענטפֿערט. בערעלע איז געווען זייער פֿאָרזיכטיק און האָט פֿאַרשטאַנען, אויף וועלכע פֿראַגעס ער טאָר ניט ענטפֿערן.

אַרום דעם הויז, וואו דער שעף איז איינגעשטאַנען, האָבן זיך דערווייל צוזאַמענגעקליבן אַ סך מענטשן. געבראַכט האָט זיי אַהין די נייגעריקייט. זיי האָבן געוואָרט מיט אומגעדולד אויפֿן סוף. מוטיקערע פֿון דעם עולם אין גאַס האָבן בגנבה געכאַפּט אַ קוק אין פֿענצטער און זיי זיינען איבער־ראַשט געוואָרן פֿון דעם בילד וואָס זיי האָבן געזען ווי בערעלע, דאָס קינד פֿון דעם אָרעמען שוסטער, זיצט לעבן דעם שעפֿס טיש און ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן פֿירן זיי געמיטלעך אַ געשפּרעך.

ווען בערעלע איז פֿון צימער צוריק אין גאַס אַרויס, האָט ער געפֿילט, אַז אַלע קוקן אויף אים ווי אויף אַ העלד, ווי אויף אַ מענטשן וואָס איז אויס־ערגעוויינלעך וויכטיק. דער שעף מיט די זשאַנדאַרמען האָבן זיך צוריק אין דער פּריצישער בויד אַריינגעזעצט. די פֿערד האָבן זיך גערירט פֿון אָרט, די גלעקלעך האָבן פֿון דאָס ניי געקלונגען קלינגען און זיי זיינען פֿון שטאָט אַוועק. בערעלע איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן איז אַלעמענס אויגן.

נאָך דער באַגעגעניש מיטן שעף פֿון די זשאַנדאַרמען האָט בערעלע גענומען טראַכטן, אַז פֿאַרבלייבן ווייטער אין שטעטל איז פֿאַר אים אוממ־מעגלעך. אים איז דאָ צו ענג. ער דאַרף פֿאָרן צוריק אין דער גרויסער שטאָט און דאָרטן פֿון דאָס ניי אַריינגיין אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין דער פּאַרטיי פֿון „בונד" און פֿאָרזעצן יענע הייליקע אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. לאַנג האָט בערעלע וועגן דעם ניט געטראַכט. ער האָט זיין שטעטל פֿאַרלאָזן. זיין טאַטע־מאַמע האָבן גע־פּרוווט אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל ניט פֿאָרן; ער זאָל דאָ פֿאַרבלייבן. זייער האַרץ האָט זיי פֿאָרויסגעזאָגט, אַז ווען בערעלע וועט אַוועק אין דער גרויסער שטאָט, וואַרטן אויף אים דאָרטן נייע געפֿאַרן: פֿון דאָס ניי די טורמע.

בערעלע האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט טאַטע־מאַמען. שווער איז אים געווען צו פֿאַרטראָגן די טרערן און דאָס געבעט פֿון דער מאַמען, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט מיט זיין גאַנצן האַרצן. בערעלע האָט געזען אויף איר פּנים טרויער און שרעק פֿאַר דעם, וואָס איר בערעלען דערוואַרט אין דער שטאָט וואוהין ער פֿאָרט. אָבער בערעלע איז דאָך אַוועקגעפֿאָרן.

די ערשטע דעמאָנסטראַציע

פֿון בערעלען האָט געשפּריצט מיט אָנגעזאַמלטער ענערגיע. פֿאַר דעם יאָר צייט וואָס ער איז געזעסן אין טורמע איז ער רייף געוואָרן. ער האָט שוין געקוקט אויף דער וועלט מיט אָפּענע אויגן. ער האָט זיך געריסן צו טעטיקייט, צו רוישיקער, שטורעמדיקער אַרבעט. די חברים, וואָס בערעלע האָט איצט באַגעגנט, האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ העלד. ער איז שוין דורכגעגאַנגען די „טורמע־פּראָבע", האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אַלע ריזיקאַלישע אַרבעטן האָט מען איצט אים פֿאַרטרויט.

דאָס איז געווען נאָך דעם קישענעווער פּאָגראָם. דער קאָמיטעט פֿון „בונד" האָט באַשלאָסן צו פּראָטעסטירן קעגן דער צאַרישער רעגירונג וועלכע האָט צוגעגרייט דעם פּאָגראָם. די רעגירונג האָט געוואָלט דערטרינקען דעם „בונד" אין יידיש בלוט. דער „בונד" פֿון זיין זייט האָט אָרגאַניזירט פּראָטעסטן. מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין גאַס מיט רויטע פֿאָנען און מען האָט געדאַרפֿט זען, אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל זיין גרויס און איינדרוקספֿול. אָבער ווי מאַכט מען עס ? מען האָט געדאַרפֿט פֿריער דורכפֿירן פֿאַרזאַמלונגען אין וואַלד, דאָרטן אויפֿקלערן די אַרבעטער וועגן דער קישענעווער שחיטה און דערנאָך אַרויסרופֿן די מאַסן אין גאַס אויף אַ דעמאָנסטראַציע.

בערעלען אין די הענט האָט דער קאָמיטעט איבערגעגעבן דורכצופֿירן די ערשטע פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד. ער און נאָך דריי בונדיסטן זיינען אַוועק ביי טאָג אין וואַלד אַריין, האָבן אויסגעפֿונען אַ גרויסן פֿרייען פּלאַץ און האָבן זיך באַקאַנט מיט אַלע וועגן וואָס פֿירן פֿון שטאָט צום וואַלד.

די פֿאַרזאַמלונג האָט געדאַרפֿט זיין פּריטיק שפּעט ביינאַכט. די פּאַר־שטייער פֿון יעדער בונדישער גרופּע האָט מען איבערגעגעבן, ווי אַזוי און דורך וועלכער גאַס עס וועלן דאַרפֿן גיין זייערע גרופּעס אין וואַלד אַריין. אויף אַלע וועגן זיינען צעשטעלט געוואָרן פּאַטרולן, וועגוויזער. שפּעט ביי־נאַכט האָבן זיך יידישע אַרבעטער, בחורים און מיידלעך, געצויגן אין דער נאַכטיקער פֿינצטערקייט, אין וויטן טיפֿן וואַלד אַריין. אַז עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן האָט בערעלע געגעבן אַ באַפֿעל ארונטערצונעמען די פּאַטרולן און וועגווייזער און איז אַליין אַוועק צו דער לאָנקע אין וואַלד.

ווי גליקלעך איז בערעלע געווען ווען ער איז געקומען און האָט דערזען אַ גרויסע מאַסע! זיינע אויגן האָבן געלויכטן פֿון פֿרייד. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ניט אין הונדערטער נאָר אין טויזנטער זיינען זיי דאָ געזעסן.

אין שטאָט אַריין איז דעמאָלט געווען געקומען אַ נייער רעדנער, וולאַ־דימיר האָט ער געהייסן, און וולאַדימיר איז געקומען צו דער פֿאַרזאַמלונג האַלטן אַ רעדע. געווען איז ער אַ דאַרער, אַ קליין געוויקסיקער, יונגער בחור. זיין אויסזען האָט אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט געמאַכט. זיינע אויגן זיינען אַזוי ווי אויסגעלאָשענע געווען, און געגאַנגען איז ער פּאַמעלעך. נאָר אָט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען ריידן. גאָר אַן אַנדערער איז ער געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געוואָרפֿן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט, פֿון זיין מויל זיינען אַרויס ניט קיין ווערטער, נאָר פֿייערדיקע שפּיזן.

דער פֿאַרטאָג האָט זיך צעלויכטן אַלץ מער און מער. און אַז ס׳איז גוט ליכטיק געוואָרן און מען האָט געקענט אַריינקוקן אין די פּנימער, האָט מען ערשט דערזען די טיפֿע באַגייסטערונג פֿון די פֿאַרזאַמלטע. אין זייערע אויגן האָט מען געזען, אַז אַזוי ווי ס׳איז אויפגעגאַנגען די זון איבערן וואַלד, אַזוי גייט אויף אין זייער לעבן אַ נייע זון פֿון האָפֿענונג און גליק.

ווען וולאַדימיר האָט געענדיקט ריידן איז עפּעס מאָדנע שטיל געוואָרן. די גרויסע מאַסע איז געווען ווי פֿאַרגליווערט פֿון אַנטציקונג. נאָר בערעלע האָט עפּעס געפֿילט, אַז נאָך אַזאַ רעדע טאָר מען ניט בלייבן שטיל. עס האָט אים געריסן פֿון אָרט, עס האָט אים געצויפֿט צו טאָן עפּעס, און ער האָט זיך

גלייך אויפגעהויבן פון דער ערד, און אומגעריכט פאַר אַלעמען, מיט אַ הילכיקער שטימע אָנגעפאַנגען זינגען:

מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט,
און אַלעם דערפאַר ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק.

אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט, און דאָס געזאַנג האָט מיט אַ שטאַרקן עכאָ אָפּגעקלונגען ווייט אין טיפן וואַלד אַריין.

דער פאָרשטייער פון „בונד" האָט זייער שטאַרק אויסגערעדט בערעלען פאַר וואָס ער האָט אָנגעהויבן זינגען. פּאָליצײ האָט געקאָנט דערהערן און קומען צו לויפן און אַלעמען אַרעסטירן. בערעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָס ניט געדאַרפט טאָן.

נאָכן זינגען זיינען אַלע, פריידיקע, דערוואַרעמטע און געשטאַרקטע, אַוועק צוריק אין שטאָט אַריין.

די דעמאָנסטראַציע איז באַשטימט געוואָרן אויף שבת בייטאָג. איינס אַ זייגער האָבן די בונדישע מאַסן זיך געדאַרפט נעמען ציען פון אַלע גאַסן אין שטאָטישן גאָרטן. פּונקט צוויי אַ זייגער האָט זיך די דעמאָנסטראַציע געדאַרפט אָנהייבן. צו פיר אין אַ ריי האָט מען געדאַרפט גיין, און זשיאַמקע דער שוסטער האָט געדאַרפט גיין פאַרויס מיט דער רויטער פאָן. זשיאַמקע דער שוסטער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ מוטיקער, אַ קרעפטיקער. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז פון זשיאַמקעס האַנט וועט קיינער די פאָן ניט קאָנען אַרויסרייסן.

אַזוי איז געווען. צוויי אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבן די דעמאָנסטראַציע. זשיאַמקע (מיט נאָך דריי געזונטע בחורים אַרום אים, אַלס זיינע באַשיצער) האָט די פאָן פונאַנדערגעוויקלט און אַלע האָבן גענומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

די זייטיקע מענטשן וועלכע האָבן שפּאַצירט אין שטאָטישן גאָרטן זיינען צעטומלט געוואָרן פון דער גרויסער איבעראַשונג. זיי זיינען אַוועק אין די זייטיקע אַלייען, געלאָזט פּלאַץ פאַר די מאַרשירנדיקע.

ס'האָט ניט געדויערט קיין אויגנבליק און עס האָבן גענומען לויפן קאָזאַקן און פּאָליציי אויף פערד. מיט דער גרעסטער ווילדקייט האָט מען געשלאָגן, געשמיסן, געטריבן, געוואָרפן אונטער די פערד. ס'האָבן זיך דער־הערט פאַרצווייפלטע געשרייען פון פרויען, נאָר איבער דעם יאָמער פון די פרויען, פון אַלע ווינקעלעך פון דעם גרויסן שטאָטישן גאָרטן, האָבן זיך גע־טראָגן געשרייען: „נידער מיטן צאַריזם! לעבן זאָל די פרייהייט! לעבן זאָל דער „בונד"!"

אַלע זיינען זיך צעלאָפן. נאָר דוד דער קאַמאַשן־שטעפּער האָט ניט געוואָלט אַנטלויפן. ער האָט זיך גענומען ראַנגלען מיט די קאָזאַקן. אַ קאָזאַק האָט אויף אים אויסגעשאָסן און ער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט.

דוד דער קאַמאַשן־שטעפּער איז געווען בערעלעס אַ נאָנטער חבר.

אַ טויטן האָט מען דודן צוגענומען אין יידישן שפּיטאָל. אויף מאָרגן איז בערעלע אַוועק אין שפּיטאָל און האָט דאָרטן געזען זיין טויטן חבר. צום ערשטן מאָל האָט בערעלע געזען בלוט פון זיינעם אַ חבר. אַ פאַרגלי־ווערטער איז בערעלע געשטאַנען און געקוקט אויפן טויטן קערפּער פון זיין נאָנטן און ליבן חבר. פון זיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט הייסע טרערן, נאָר זיין מוט איז דערפון ניט געבראָכן געוואָרן. ער האָט שטילערהייט צו זיך געזאָגט: נקמה, נקמה פון די, וואָס האָבן דאָס יונגע לעבן פון אונדזער חבר אָפּגעהאַקט!



בונדיסטישע וואַנדערונגען

די שטאָט, וואו בערעלע האָט איצט געלעבט און געקעמפט, האָט ער זייער ליב געהאַט. דאָ האָט ער די שענסטע יאָרן פאַרבראַכט און דאָ האָט ער אַזוי פיל פריינד און חברים געהאַט. דאָ האָט ער זיין רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג געקראָגן. דאָ איז ער פון אַן אָרעמען, דערשלאָגענעם שניידער־יינגל געוואָרן אַ טוער און אַ פירער. בערעלע פלעגט שוין ריידן אויף פאַרזאַמלונגען, פלעגט די אַרבעטער באַגייסטערן און פירן. אָבער לענגער דאָ פאַרבלייבן האָט ער ניט געקענט. פאָליציי זוכט אים. ער וועט ווידער אַרעסטירט ווערן, וועט ווידער אָפּגעריסן ווערן פון זיין רוישיקן און שטורעמדיקן לעבן. ניין, דאָס טאָר ניט געשען.

און בערעלע נעמט זיך גרייטן אין וועג אַריין. ער זעגנט זיך מיט נאָנטע. קיינער טאָר ניט וויסן וואוהין ער פאָרט.

פון אַלע זיינע פריינד איז די נאָנטסטע געווען ביילקע די שניידערקע. טיף אין האַרצן האָבן זיי זיך ליב געהאַט, נאָר זיי האָבן זיך געשעמט דאָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן. אַ רעוואָלוציאָנער טאָר זיך ניט אָפּגעבן מיט אַזוינע זאַכן ווי ליבע, האָט בערעלע געטראַכט. ער מוז זיין פריי. ער טאָר זיך ניט צושמידן צו איין מענטשן, ווי שטאַרק ער זאָל אים ניט ליב האָבן. ווער ווייס וואָס מאָרגן וועט זיין, האָט בערעלע געזאָגט. מאָרגן קאָן מען אים אַרעסטירן, פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע, אין סיביר. ניין, מען מוז זיין פריי, מען טאָר זיך ניט ארייַנלאָזן אין ליבע.

מיט ביילקע דער שניידערקע האָט זיך בערעלע געזעגנט ווען קיינער איז דערביי ניט געווען. ווי צוויי פאַרליבטע קינדער זיינען זיי ביידע גע־

שטאַנען. ביידע האָבן געשוויגן. נאָר ענדלעך האָט בערעלע איבערגעריסן די שטילקייט.

— „וועלן פון דאַנעט אַוועקפאָרן וויל איך ניט, — האָט ער צו ביילקען געזאָגט — איך האָב ליב די שטאָט, די מענטשן, די באַוועגונג".

און אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט ער אָנגענומען ביילקען פאַר דער האַנט און געזאָגט : „איך האָב דיך ליב, ביילקע".

ביי ביידן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, זיי זיינען זיך אַרויס־געפאַלן אויף די העלדזער און לאַנג, לאַנג געקושט.

— „בערעלע, — האָט ביילקע שטיל געזאָגט, — איך וויל פאָרן מיט דיר, איך וויל זיין מיט דיר, מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען".

— „ניין, ביילקע, — האָט בערעלע געענטפערט — די צייט פאָדערט פון אונדז קרבנות, מיר דאַרפן זיין פריי, מיר טאָרן איינער דעם אַנדערן ניט שטערן. איך פאָר אַוועק, איך וועל טראַכטן פון דיר, אפשר אויך שרייבן. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען." אַזוי האָט בערעלע געזאָגט מיט אַ פאַר־קלעמט האַרץ, און זיי זיינען זיך צעגאַנגען.

בערעלע איז געפאָרן ניט אין איין שטאָט, נאָר אין אַ סך שטעט. ער האָט גערעדט אויף גרויסע פאַרזאַמלונגען, געפירט אַרבעטער־גרופּעס צום קאַמף; האָט מיט די אומוויסנדיקע און דערשלאָגענע שוסטער און שניידער, דינסט־מיידלעך און נייטערינס געלערנט סאָציאַליזם. די אַרבעטער האָבן בערעלען ליב געהאַט. זיינע רייד זיינען געווען פאַרשטענדלעך פאַר זיי, האָבן זיי אים אַלע מאָל געהערט מיט פאַרגעניגן. ער האָט גערעדט צו זיי פון זייער נויט, פון זייערע ליידן, פון זייער שווערן לעבן. און זייער שווער לעבן האָט ער גוט געקאַנט. וואָס זיי האָבן געליטן האָט ער דאָך אַליין אויך געליטן, פריער און איצט.

און אַזוי איז בערעלע אויסגעווען אין וואַרשע און לאָדז, אין ביאַלעסטאָק און בערדיטשעוו, אין מינסק און אין אָדעס, און נאָך און נאָך גרויסע שטעט וואו דער „בונד" איז געווען. בערעלען האָט מען אומעדום געקענט. און ניט איין מאָל האָט ער געביטן זיין נאָמען — אויס בערעלע ! אין וואַרשע האָט ער גאָר געהייסן אַבראַם, אין אָדעס — איסאַק, אַלץ כדי די פּאָליציי זאָל אים ניט קענען גרינג פּאַקן. און בערעלע האָט גראָד ליב געהאַט זיינע נייע

נעמען. אין די נייע נעמען האָט ער געזען זיין אייגענעם וואוקס אין דער בונדישער באַוועגונג. און ער האָט שוין טאַקע זוכה געווען צו זיין ביי געהיימע בונדישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, האָט זיך פּערזענלעך באַקאַנט מיט אַלע וויכטיקע פירער, מיט אַלע פּערזענלעכקייטן פון „בונד". וואָס נענטער ער האָט זיך באקאנט מיט די פירער, אַלץ ליבער האָט ער זיי געקראָגן און אַלץ טיפער האָט ער געוואָלט אַריין אין דער בונדישער אַרבעט.

עס קומען אָן די שטורעמדיקע און שרעקנדיקע יאָרן פון 1904 און 1905. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערט גרעסער און שטאַרקער. זי גייט שוין אַרויס אָפן אויף די גאַסן. דער „בונד" פאַרכאַפּט די שענסטע און וויכטיקסטע גאַסן פון שטאָט און דערקלערט זיי פאַר „אַרבעטער־בירזשעס". אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן נאָך דער אַרבעט, שפּאַצירט פריילעך און לעבעדיק די אַרבעטער־מאַסע אויף די הויפּטגאַסן פון שטאָט. די רייכע, וואָס האָבן דאָ אַמאָל לוסטיק און פריילעך שפּאַצירט, זיינען פון די גאַסן אַוועק. די אָרעמע אַרבעטער האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ.

ווען בערעלע פלעגט אַרויסגיין אויף אָט די גאַסן האָט דאָס האַרץ זיך געפרייט אין אים און ער פלעגט מיט טיפער באַגייסטערונג זאָגן צו זיך אַליין: אַהאַ, עס איז געקומען אונדזער צייט!

אַמאָל, ווען בערעלע פלעגט בלייבן מיט זיך אַליין, פלעגט ער טראַכטן, וואָס וואָלט פון אים געוואָרן ווען ניט דער „בונד". ער פלעגט זיך יעמאָלט דערמאָנען אָן זיין טאַטן. וואָס איז זיין טאַטע אין דעם ווייט פאַרוואָרפענעם שטעטעלע? אָן אָרעמער שוסטער מיט קינדער וואָס האָבן ניט וואָס צו עסן, גייען אַרום נאַקעט, באָרוועס. ווינטער זיינען אין הויז די פענצטער פאַרפראָרן, קאַלט. אַלע ליגן אויפן אויוון און ס'איז גאַר נישטאָ קיין האָפענונג, אַז ס'זאָל אַמאָל ווערן בעסער. אַך, דער „בונד", דער „בונד"! פאַר וואָס איז ער פריער ניט געקומען, פאַר וואָס זיינען זיינע אידעאַלן און האָפענונגען ניט דערגאַנגען צו זיין אָרעמען טאַטן אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל?

איבער רוסלאַנד טראָגן זיך די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער. די צאַרישע רעגירונג נעמט אין איר פאַרצווייפלונג אָן שרעקלעכע מיטלען די רעוואָלוציע אָפּצושטעלן, צו דערשטיקן. זי הייבט

אַן צוגרייטן פּאָגראָמען אויף יידן, כדי אָנצואוואַרפן אַ שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

אין אַלע שטעט פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד וואו עס וואוינען גרויסע יידישע מאַסן, שרעקט מען זיך פאַר נייע פּאָגראָמען. דער „בונד" הייבט אָן אָרגאַניזירן זעלבשוצן, ער קלייבט אוים די מוטיקע, שטאַרקע מענטשן, גיט זיי מיט געווער, פירט זיי אַרוים ווייט הינטער דער שטאָט, אין טיפן וואַלד, און דאָ לערנט מען זיי שיסן. זיי זיצן גרופּעסווייז אין פאַרשיידענע הייזער פון שטאָט און זיינען גרייט אויף די סיגנאַלן פון זייערע פירער. אין גאַס גייען אַרום באַוואָפנטע אַרבעטער און היטן די שטאָט.

איין מאָל, ס'איז אַ גרויסער קריסטלעכער יום־טוב, פויערים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין שטאָט אַריין צו קויפן און פאַרקויפן. סאָלדאַטן זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון די קאַזאַרמעס לכבוד יום־טוב. אין שטאָט איז די שטימונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אַ נערוועזע, אַן אָנגעצויגענע. מען האָט מורא פאַר אַ פּאָגראָם.

עס צעשלאָגט זיך אַ פויער מיט אַ יידן, די פויערים און סאָלדאַטן וואַרפן זיך אויף די יידישע געשעפטן. דורך אַ פּאָר סיגנאַלן זיינען אַלע מיטגלידער פון זעלבשוץ אויפן מאַרק. עס פאַנגט זיך אָן אַ שרעקלעכער גערודער. בערעלע איז דער פירער פון דעם זעלבשוץ. זיין וואָרט איז פאַר יעדערן אַ געזעץ. ער איז אין צענטער פון דעם פּאָגראָם. ער גיט אַ באַפעל מען זאָל שיסן, אָבער אין דער הייך. קיין בלוט זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן. עס דערהערט זיך אַ שיסעריי טראַך, טראַך, טראַך! עס ברעכט אוים אַ פּאַניק. די פויערים און סאָלדאַטן, ניט קיין באַוואָפנטע, צעלויפן זיך פון מאַרק. עס ווערט רואיק. די שטאָט איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ פּאָגראָם.

דער „בונד" איז פאַרגעטערט געוואָרן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט. מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף דעם באַשיצער פון יידישן לעבן. און ווען בערעלע האָט געהערט ווי יידן ריידן וועגן „בונד", האָט ער זיך געפילט שטאָלץ און גליקלעך. אין דער העלדישקייט פון „בונד" האָט בערעלע אויך זיין העלדישקייט געזען.

אין שטאָט איז דערקלערט געוואָרן קריגצושטאַנד. איבער די גאַסן פאָרן אַרום רייטנדיק פּאָליציי און קאָזאַקן. מען אַרעסטירט יעדערן אויף וועמען עס פאַלט נאָר אַ חשד. מענער און פרויען, אפילו קינדער ווערן אין

די גאַסן אַרעסטירט. אין שטאָט איז די שטימונג אַ געדריקטע. מען האָט מורא אַרויסצוגיין אויפן גאַס.

דער קאָמיטעט פון „בונד" טראַכט אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע, אַ רוף צו דער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל דעם קאַמף ניט אויפגעבן, מען זאָל זיך ניט שרעקן. בערעלע האָט די פּראָקלאַמאַציע אויפגעשריבן. אָבער וואו דרוקט מען זי? בערעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אַ יונגער בחור אַ בונדיסט אים געזאָגט, אַז זיין זיידע האָט אַ דרוקעריי, און ווען מען וועט דאַרפן אַרויסגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע קען מען זייער לייכט אַריין צום זיידן אין הויז, אַלעמען אַרעסטירן, אַ גאַנצע נאַכט קיינעם פון הויז ניט אַרויסלאָזן און דאָרטן אָפּדרוקן די פּראָקלאַמאַציע.

בערעלע איז גלייך אַוועק זוכן דעם יונגן חבר. ער האָט אים באַגעגנט אויף דער בונדישער בירזשע. ער האָט אים איבערגעגעבן דעם פּלאַן צו אַרעסטירן זיין זיידנס דרוקעריי און דאָרטן די פּראָקלאַמאַציע אָפּדרוקן. דער יונגער בחור האָט זיך מיט באַגייסטערונג פאַר דעם אָנגעכאַפּט. ער האָט אפילו פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל זיין איינער פון די באַוואָפנטע, וואָס וועלן זיין זיידנס הויז אַרומרינגלען.

בערעלע האָט ביי דעם יונגן חבר אויסגעפונען אַלע איינצלהייטן, ווער עס האַלט די שליסלען פון דרוקעריי, וויפל אַריינגאַנגען עס זיינען דאָ אין זייער הויף. האָבנדיק אַלע איינצלהייטן, איז ער אַוועק אין אַ שטילער זייטיקער גאַס פון שטאָט, וואו עס האָט זיך געפונען דער פאָרשטייער פון קאָמיטעט. ווען ער איז צו אים אַריין, האָט ער דאָרטן געטראָפן דריי וויכטיקע טוער פון „בונד".

אַ פריילעכער האָט ער געזאָגט צו זיינע חברים: „מאָרגן וועלן מיר האָבן פּראָקלאַמאַציעס! מען דאַרף בלויז האָבן פינף מוטיקע, גוט באַוואָפנטע חברים און אַלץ וועט זיין דורכגעפירט".

מען האָט גלייך באַשטימט פינף מענטשן, וועלכע זאָלן דעם פּלאַן דורכפירן. אַ דרוקער־אַרבעטער האָבן זיי מיט זיך געהאַט. פרייטיק אין אָוונט זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צו דעם אַלטן יידן אין הויז. אַלע זיינען געזעסן שבתדיק אויסגעפוצט, ביי אַ לאַנגן טיש, און מען האָט געגעסן וועטשערע. ביים טיש איז אויך געזעסן דאָס איינקל, וועלכער האָט זיי דעם

פּלאַן פאַרגעשלאָגן. בערעלע האָט גלייך דערקלערט וואָס זיי ווילן. דער אַלטער ייד האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן בעטן: ביי אים אין הויז האָט מען נאָך קיין מאָל ניט מחלל שבת געווען. זונטיק וועט ער אַליין העלפן די פּראָקלאַמאַציע דרוקן; אָבער ניט היינט. בערעלע האָט ניט געוואָלט הערן, עס מוז געשען היינט. דער אַלטער ייד האָט זיך געווענדט צו דער טאָכ־טער, דער מוטער פון דעם בונדיסט, אַז זי זאָל זיי געבן די שליסלען פון דער דרוקעריי. אַז גאָט אַליין זעט דאָך, אַז ער און זי זיינען ניט שולדיק אין דעם, וואָס מען וועט אין זיין דרוקעריי אַרבעטן פריטיק ביינאַכט.

צוויי בחורים זיינען געבליבן שטיין מיט רעוואָלווערן אין האַנט ביים טיר און קיינעם פון הויז ניט אַרויסגעלאָזט. דריי מיט דער טאָכטער, וואָס האָט געהאַט די שליסלען, זיינען אַוועק אין דער דרוקעריי.

די אַרבעט אין דרוקעריי איז אַוועק גאַר גיך. צוועלף אַ זייגער האָט שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן די דרוק־מאַשין. פּראָקלאַמאַציעס האָבן גענומען לויפן פון דער מאַשין איינע נאָך דער אַנדערער. ווי זיי האָבן אַזוי געאַר־בעט, קומט אַריין די פרוי, וואָס האָט געעפנט די דרוקעריי, מיט אַ גרויסן טאָפּ אין האַנט, און זאָגט: „איר זענט דאָך אוודאי הונגעריק; אָט האָב איך אייך געבראַכט צימעס און חלה, בייסט איבער. נאָך אַלעמען זענט איר דאָך יידישע קינדער. איר זענט דאָך נישט קיין רויבער. איר טוט דאָך דאָס ניט צוליב זיך, איר ווילט דאָך גוטס פאַר אַלעמען. איר שטעלט דאָך אייער אייגן לעבן אין סכנה. איר האָט דאָך אויך מאַמעס, און ווער ווייס, אפשר וועלן אַמאָל אייערע מאַמעס דאַרפן אויך רחמנות האָבן אויף מיינע קינדער. עסט, קינדער, עסט!"

ווען זי האָט דאָס געזאָגט, האָט איר שטימע געקלונגען מיט מוטער־לעכער צערטלעכקייט. זיי האָבן פאַר זיך דערזען די האַרציקע יידישע מאַמע, וואָס טראָגט אין איר האַרצן ליבע ניט נאָר צו אירע אייגענע קינדער נאָר צו אַלע יידישע קינדער. אירע רייד האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. בערעלע האָט זיך גענומען אַנטשולדיקן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט צעשטערן דעם שבת, וואָס זיי האָבן דעם אַלטן יידן געדאַרפט אָנטאָן אַזוי פיל עגמת נפש. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. „עס

ברענט דאָס לאַנד, און מיר דאַרפן העלפן לעשן. אין צייט פון אַ שׂרפה מעג מען מחלל שבת זיין,״ האָט זיך בערעלע פאַרענטפערט.

„פאַרענטפערט זיך ניט, קינדערלעך״, — האָט זי צו זיי געזאָגט. — „דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב וועט אונדז אַלעמען מוחל זיין״. און מיט די ווערטער איז זי אַרויס.

שפּעט אין דער נאַכט איז בערעלע מיט די פינף בונדיסטן פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט. ווען זיי זיינען אַוועק, האָבן זיי געהייסן דעם באַלעבאָס אָפּרופן די פּאָליציי און זיי דערציילן די גאַנצע געשיכטע, אַז זיי זאָלן אַליין שפּעטער פון דעם ניט האָבן קיין צרות. רופן די פּאָליציי זאָלן זיי ניט פריער פון ניין אַ זייגער, ווייל דעמאָלט וועלן שוין די פּראָקלאַמאַציעס זיין פאַרשפּרייט. אַזוי האָבן זיי געטאָן.

אין שטאָט האָט זיך זייער שטאַרק געטומלט. אין די שולן האָבן יידן שטילערהייט דערציילט איינע די אַנדערע וועגן דער פאַרכאַפּטער דרוקעריי און וועגן די פּראָקלאַמאַציעס. יידן האָבן צופרידענע געלאַכט פון דער פּאָליציי און האָבן באַוואונדערט די סאָציאַליסטן, וואָס פאַר אַ קלוגע און בראַווע מענטשן זיי זיינען.

מע גנבעט אַוועק די פּראָקלאַמאַציעס

בערעלע איז אין אַן אַנדער שטאָט. דער בונדישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ גרויסע מאַי־דעמאָנסטראַציע: ערב דעם ערשטן מאַי זאָל פֿאַרשפּרייט ווערן אַ מאַי־פּראָקלאַמאַציע פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד", און דעם 1טן מאַי בייטאָג זאָלן זיך אַלע צוזאַמענקלייבן אין שטאָטישן גאָרטן, און פֿון דאָרטן זאָלן אַלע מאַרשירן איבער דער שמאָלער גאַס און דערנאָך זיך אָפּשטעלן אויף דער הויפּטגאַס פֿון שטאָט.

אַ פֿינף טעג פֿאַר דעם ערשטן מאַי איז צו בערעלען צוגעגאַנגען דער פֿאָרשטייער פֿון קאָמיטעט, זלמן דער איינבינדער, און האָט אים געזאָגט, אַז מאָרגן, מיט דעם און דעם צוג, דאַרף אָנקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ גרויסער קאָרב פּראָקלאַמאַציעס. ער האָט אים אויסגעמאָלן דעם יונגנמאַן: אַ הויכער, אין ברילן, מיט אַ פּאַלערינע אויף די פּלייצעס. — „דו זאָלסט אים אָפּוואַרטן אויפֿן וואָקזאַל — האָט זלמן געזאָגט צו בערעלען, — אַז דו וועסט אים דערזען, זאָלסטו דורכגיין פֿאַרביי אים און אים זאָגן, אַז דו ביסט איסאַק. און אויב ער וועט מיט זיך האָבן אַ קאָרב, זאָלסטו אַרויסגיין, נעמען אַ פֿור און וואַרטן ביז ער וועט זיך אַריינזעצן אין וואָגן און אַוועקפֿאָרן מיט אים אויף דעם און דעם אַדרעס". בערעלע האָט זיינע אינסטרוקציעס פּינקטלעך דורכגעפֿירט. און אָט פֿאָרט ער שוין מיט דעם אומבאַקאַנטן יונגנמאַן דורך דער לאַנגער גאַס צו דעם אָנגעגעבענעם פּלאַץ.

דאָס הויז האָט באַלאַנגט צו אַ רייכן יידן אין שטאָט. זיין טאָכטער איז געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג. די טאָכטער האָט זיי פֿריינדלעך באַגעגנט, האָט זיי אָנגעוויזן דעם פּלאַץ וואו אַוועקצושטעלן די קאָרב, און בערעלע מיט דעם יונגנמאַן זיינען אַוועקגעגאַנגען.

אויף מאָרגן אין דער פרי לאָזט מען וויסן דעם „קאָמיטעט" אַז די קאָרב מיט די פּראָקלאַמאַציעס איז פאַרשוואונדן. גנבים האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין הויז און האָבן געמיינט, אַז אין דער קאָרב געפינען זיך ווערטפולע זאַכן, און האָבן זי צוגענומען.

בערעלע האָט געהאַט אַ באַקאַנטן, וואָס איז געזעסן אַ לאַנגע צייט אין טורמע פאַר געהערן צום „בונד". זיין פריינד האָט זיך גוט געקענט מיט די גנבים. האָט מען באַשלאָסן, אַז בערעלע מיט זיין פריינד זאָלן זיך זען מיט די גנבים און צוריקקריגן די פּראָקלאַמאַציעס.

זיי האָבן געפונען שלמקע דעם מאַראַוויכער (אַ קעשענע־גנב), און האָבן אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט ער אַלץ אויסגעפינען, און אויב די קאָרב איז נאָך דאָ, וועט מען זיי דאָס אָוועקגעבן צוריק.

שפּעטער איז צו זיי געקומען שלמקע דער מאַראַוויכער און האָט גע־זאָגט, אַז ער ווייס ווער די צוויי גנבים זיינען, און אַז ווי נאָר זיי האָבן דער־זען, אַז אין דער קאָרב ליגן פּראָקלאַמאַציעס, האָבן זיי זי איבערגעלאָזט אין מיטן נאַכט אויף שלאָס־גאַס, און זיי ווייסן ניט, ווער עס האָט זי פון דאָרטן צוגענומען. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אַ פּאָליציאַנט האָט די קאָרב געבראַכט אין דער פּאָליציי. די פּאָליציי איז געווען גליקלעך וואָס דער „בונד" וועט ניט האָבן קיין פּראָקלאַמאַציעס צום פאַרשפּרייטן, ווייל די פּראָקלאַמאַציעס געפינען זיך גאָר ביי איר.

דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט גלייך אַרויסגעשיקט מענטשן אין די אַרומיקע שטעט און מען האָט ביי יענע שטעט געקראָגן צו ביסלעך פּראָ־קלאַמאַציעס; און ערב דעם ערשטן מאַי זיינען די פּראָקלאַמאַציעס פאַר־שפּרייט געוואָרן.



מע נייט אויס אַ פֿאָן

מע גרייט זיך אין שטאָט צו דער דעמאָנסטראַציע. אויף די קרייזלעך, ביי פֿאַרזאַמלונגען זאָגט מען די אַרבעטער, ווען און וואוהין יעדער איינער דאַרף קומען.

מע כאַפּט זיך, אַז עס איז ניטאָ קיין פֿאָן, און מאָרגן איז די דעמאָנ־סטראַציע! לויפֿט מען צו בערעלען.

— „וואָס טוט מען, בערעלע? עס איז ניטאָ קיין פֿאָן!"

— „ניט געזאָרגט זיך, האָט בערעלע מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל געענט־פֿערט, עס וועט זיין אַ פֿאָן".

בערעלע איז אַוועק צו כאַשקע דער שניידערקע. כאַשקע פֿאַרזיכערט, אַז אויב מען וועט נאָר קריגן רויטע שטאָף וועט זי און אירע צוויי חברטעס זיצן די גאַנצע נאַכט און פֿאַרטיק מאַכן די פֿאָן.

כאַשקע האָט געוואוינט אויף אַ גאַס, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער פּאָליציי־צירקל. דאָס הויז איז טאַקע געווען גלייך אַנטקעגן דעם פּאָליציי־צירקל. עס איז אַ געפֿאַר דאָרטן צו זיצן אַ גאַנצע נאַכט. אָבער מען קען קיין זאַך ניט טאָן, מען מוז ריזיקירן. מען איז אַוועק צו כאַשקען אין שטוב, פֿאַרמאַכט טיר און לאָדן און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַלץ אַרום שלאָפֿט. שטיל איז אין אַלע אַרומיקע הייזער פֿון גאַס. אַלע שלאָפֿן, נאָר די דריי נייטערקעס זיצן און נייען די פֿאָן.

מען האָט אויף דער פאָן געדאַרפט אויסנייען דריי אויפשריפטן מיט גרויסע ווייסע בוכשטאַבן:

ניִדער מיט דעם צאַריזם!
לעבן זאָל דער בונד!
לעבן זאָל דער סאָציאַליזם!

שטיל, מיט לויכטנדיקע פנימער, זיינען די דריי נייטערקעס געזעסן און געאַרבעט אויף דער פאָן. די שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיי ניט איינגעשלעפערט. פאַרקערט, באַגייסטערטע, ענערגישע זיינען אַלע געזעסן אין אַן ענג־פאַרשטיקטן צימערל און האָבן געאַרבעט. מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָבן זיי גערעדט וועגן דער מאָרגנדיקער דעמאָנסטראַציע, וועגן דעם, ווי אַזוי עס וועט פלאַטערן די רויטע פאָן, וואָס זיי מאַכן. כאַשקע די שניידערקע האָט געאַרבעט פלייסיקער פאַר אַלעמען. זי האָט געוואָלט ווייזן ווי געטריי מען דאַרף אַרבעטן פאַר דער רעוואָלוציע, פאַרן „בונד". זי איז געווען אַ טיף גלויביקע. ווען ניט דער „בונד", וואָלט זי געזעסן אין שול ווי איר פרומע מאַמע און געבעטן גאָט.

ווען די פאָן איז פאַרטיק געוואָרן האָט כאַשקע געזאָגט: „איידער מיר גייען זיך פונאַנדער לאָמיר שטילערהייט פאַרענדיקן די אַרבעט מיט אַ ליד," און כאַשקע האָט שטיל גענומען זינגען:

אָ, ברידער, מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד,
מיר שטייען אין שלאַכט ווי גענאָסן,
די פאָנען די רויטע אין האַנט.

און טרעפט דיך אַ קויל, מיין געטרייער,
אַ קויל פון דעם שונא, דעם הונט,
איך נעם דיך אַרויס פון דעם פייער,
און היילן דיך מיט קושן דיין וואונד.

אונ ביסטו געפאַלן אַ טויטער,
די אויגן די ליבע פאַרמאַכט,
וויקלען מיר דיך אין דער פאָנע דער רויטער
אונ פאַלן צוזאַמען אין שלאַכט.

און זינגענדיק אָט דאָס האַרציקע ליד פון קאַמף, האָט בערעלע צוזאַמענ־געלייגט די פאָן פון „בונד", וועלכע האָט אויף מאָרגן, דעם ערשטן מאַי, גע־דאַרפט פלאַטערן אויף די טומלדיקע און רוישיקע גאַסן פון שטאָט.

קיינער האָט ניט געוואוסט, ווען דער „בונד" האָט באַשטימט די פאָן צו טראָגן. פאַר דעם האָט מען געדאַרפט אויסקלייבן דעם העלדישסטן און דעם שטאַרקסטן, אַז די פּאָליציי זאָל די פאָן אַזוי גרינג ניט פאַרכאַפּן. אויף מאָרגן האָט מען זיך צוזאַמענגעקליבן אין שטאָטישן גאָרטן, און ווי נאָר מען האָט די דעמאָנסטראַציע אָנגעהויבן, אַזוי האָט די פּאָליציי מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט זי פונאַנדערגעטריבן. אמת, די דעמאָנסטראַציע איז טאַקע געווען ניט קיין איינגעגעבענע, אָבער אַלע האָבן וועגן איר אין שטאָט גערעדט. די בונדיסטן זיינען געווען גליקלעך, וואָס אַן אָנהייב פון אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע איז געמאַכט געוואָרן.

אַ צופרידענער איז אויך בערעלע. ער טאָר אָבער ניט פאַרבלייבן אין דער זעלבער שטאָט. ער פאָרט פון איין אָרט אין צווייטן. אַזוי איז אַוועק דאָס יאָר 1904.

מע לערנט זיך וואַרפֿן אַ באָמבע

אָ וו דאָס איז שוין פֿאָרגעקומען אין דעם יאָר 1905. אין רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען די צייט זייער אַן אומרואיקע. אין יידישע שטעט האָט מען געוואַרט אויף פּאָגראָמען.

דער „בונד" האָט באַשלאָסן צו באַוואָפֿענען אַ טייל פֿון זיינע מיט־גלידער. אַ סך בונדיסטן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט די רעוואָלווערן אין די קעשענעס. אָבער רעוואָלווערן אַליין זיינען געווען ניט גענוג, כדי צו קענען זיך געהעריק פֿאַרטיידיקן. האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן באָמבעס און אויסלערנען אַ געוויסע צאָל בונדיסטן ווי אַזוי מיט די באָמבעס זיך צו באַ־גיין. אין איין שטאָט האָט דער בונדישער קאָמיטעט אויסגעקליבן פֿינף מענטשן און מען האָט זיי אַ נאָמען געגעבן „די גרופּע באָמבע־וואַרפֿער." עס זיינען צווישן זיי געווען פֿיר מענער און איין פֿרוי, רייזעלע האָט זי געהייסן, — אַ טאָכטער פֿון אַ יידישן מלמד, קליין אין וואוקס, אָבער זייער אַ מוטיקע, מיט אַ זייער אומרואיקער נאַטור. זי איז געווען די פּאַקטישע פֿירערין פֿון דער „באָמבע־גרופּע". איר העלדישקייט האָט אַלעמען צוגע־געבן מוט.

ווען די ערשטע באָמבעס זיינען פֿאַרטיק געוואָרן האָט מען געדאַרפֿט זיי אויספּרובירן. דער כעמיקער, וואָס האָט אויפֿגעפּאַסט אויף דער אַרבעט, איז געווען אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר 25, אַ הויכער, מיט אַן אנגענעם־שמיי־כלדיקן פּנים.

איין מאָל איז בערעלע געקומען צו דער גרופּע באָמבע־וואַרפֿער און געזאָגט, אַז מען זאָל זיין גרייט ביינאַכט אַוועקצוגיין ווייט אין וואַלד. מיט

זיי צוזאַמען וועט זיין דער בעמיקער און מען וועט דאָרטן וואַרפֿן אַ באָמבע, כדי אויסצופּרוּווּן, צי די באָמבעס זיינען גוט געמאַכט געוואָרן, און צי זיי וועלן אויפֿרייסן.

שפּעט ביינאַכט זיינען זיי אַלע אַוועק אין וואַלד. געגאַנגען איז מען שעהן, און ווען זיי האָבן דערפֿילט, אַז זיי זיינען שוין ווייט־ווייט פֿון שטאָט, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן ביז וואַנען עס וועט אָנהייבן טאָגן. ווען דער וואַלד איז נאָך געווען איינגעטונקען אין פֿינצטערקייט, האָט מען אויס פֿאָרזיכטיקייט די באָמבע ניט געוואָרפֿן.

מיט דער אויסנאַם פֿון רייזעלען זיינען די איבעריקע זעקס געווען אַר־בעטער, יונגע קינדער פֿון 19 ביז 22 יאָר אַלט. זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט באַטייליקט אין באַוואָפֿנטע גרופּעס; זיי האָבן זיכער ניט געוואוסט די קונסט פֿון קריג. מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָט יעדער איינציקער פֿון זיי גע־וואַרט אויף דעם מאָמענט ווען די באָמבע וועט געוואָרפֿן ווערן. אַ געפֿיל פֿון נייגעריקייט און באַהאַלטענעם שרעק האָט זיי אַלעמען אַרומגענומען. וואַרטנדיק ביז וואַנען עס וועט אָנהייבן טאָגן, האָט מען צווישן זיך ניט גע־רעדט. אַלע זיינען געזעסן שטילע, פֿאַרטראַכטע און געקלערט וועגן דעם, וואָס שפּעטער וועט זיין. ווער ווייס, האָט בערעלע געטראַכט, און דאָס זעלבע האָבן מסתמא די אַנדערע געטראַכט, צי זיי וועלן זיך אומקערן צוריק אין שטאָט אַריין, צי וועט די באָמבע זיי אַלעמען ניט צעריסן. אָבער מען מוז!

ווען עס איז שוין געווען ליכטיק געוואָרן, זאָגט דער בעמיקער געלאַסן:

— נו, ס'איז צייט.

רייזעלע האַלט די באָמבע און זי וויל זי קיינעם ניט איבערגעבן; זי וויל זיין די ערשטע די באָמבע צו וואַרפֿן. ווען רייזעלע האָט גענומען די באָמבע אין האַנט גרייט צו וואַרפֿן, איז איר פּנים בלאַסער געוואָרן, אָבער אויפֿן בלאַסן פּנים איז געלעגן אַ שטאָלצער שמייכל. דער בעמיקער איז לעבן איר געשטאַנען און די באָמבע איז געוואָרפֿן געוואָרן.

צו אַלעמענס שטוינונג האָט די באָמבע ניט אויפֿגעריסן. אַלע זיינען צוגעגאַנגען צום אָרט וואו די באָמבע איז געלעגן. דער בעמיקער

האָט די באָמבע פון דער ערד אויפגעהויבן און האָט זי גענומען אין האַנט און באַטראַכט. אַלע זיינען געשטאַנען לעבן אים און ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס די באָמבע האָט ניט אויפגעריסן. ער איז געווען זיכער, אַז דער שטאָף איז ניט ווי געהעריק צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן און די אַרבעט איז געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע. שטייענדיק אַזוי אַ פּאַרקלערטער פאַר וואָס די באָמבע האָט ניט אויפגעריסן, האָט ער זי נאָך אַ מאָל אַ וואָרף געגעבן זייענדיק זיכער, אַז זי וועט ניט אויפרייסן, און גראָד צום צווייטן מאָל האָט די באָמבע דערלאַנגט אַזאַ קראַך, אַזאַ ריס, אַז אַלע זיינען אומגעפאַלן.

די ערשטע צעטומלעניש איז פאַרשוואונדן און בערעלע האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט דערזען רייזעלען אין אַ טייך פון איר אייגן בלוט. ס׳האָט זיך געהערט דעם כעמיקערס קרעכצן. די איבעריקע זיינען כמעט ווי ניט אָנגערירט געוואָרן. אייניקע האָבן גלייך אויסגעטאָן פון זיך די העמדער, האָבן אַרומגעוויקלט די וואונדן פון רייזעלען און דעם כעמיקער. ביי רייזעלען האָט די באָמבע אויסגעריסן אַ שטיק פון איר זייט; ביי דעם כעמיקער אָפּגעריסן די פינגער פון זיין לינקען פוס. בערעלע מיט די אַנדערע צוויי ניט פאַרוואונדעטע האָבן זיי גענומען אויף די פּלייצעס און זיי האָבן זיי געטראָגן צום וועג פון וואַלד. דער וועג איז געווען אַ ברייטער; ער האָט פאַראייניקט איין שטאָט מיט דער צווייטער. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַן אָרעמען פויער טרייבנדיק אַ פערדל און פאָרנדיק אין שטאָט. זיי האָבן אים אָפּגעשטעלט. ווען דער פויער האָט דערזען ווי מע טראָגט די צוויי פאַרוואונדעטע, וואָס בלוט גיסט זיך פון זיי, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן. זיי האָבן דעם פויער געהייסן אַרויפנעמען אַלעמען אויפן וואָגן. ער האָט ניט געוואָלט. און ס׳איז געבליבן איין מיטל, אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער און מיט גוואַלד אים הייסן פאָרן.

דער פויער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. ער האָט זיך געמוזט אומקערן און געמוזט פאָרן. ביידע קראַנקע האָט מען פאַרפירט אין אַ הויז אויף אַ זייטיקער גאַס הינטערן שטאָט. דעם פויער מיטן פערדל האָט מען אָפּגעשטעלט מיט אַ גאַס פריער, כדי ער זאָל ניט וויסן, וואוהין זיי ווערן פאַרשוואונדן. זיי האָבן גלייך גערופן דעם פאָרשטייער פון בונדישן קאָמיטעט און אים דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט און אַז מען מוז האָבן אַ דאָק־

טער. גערופן האָט מען אַ דאָקטער אַן אייגענעם, פון דער באַוועגונג. דער דאָקטער, אַ קריסט, איז געווען דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פון שטאָטישן שפּיטאָל. ווען ער איז געקומען האָט ער גלייך געגעבן ערשטע הילף און געזאָגט, אַז רייזעלען מוז מען צונעמען אין אַ שפּיטאָל. ער האָט געגעבן אַן עצה, אַז מען זאָל זי אַוועקפירן אין שטאָטישן שפּיטאָל, און ער וועט שוין זען, אַז מען זאָל אַזוי וועגן איר באַריכטן, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, אַז דאָס האָט פּאַסירט פון אַ באָמבע. אַזוי איז געשען.

אין צוויי טעג אַרום איז אין שטאָט פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע, און די זעלבע גרופּע מענטשן, נאָר אָן רייזעלען, האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אין גובערנאַטאָר. קיינער ווייס ניט ווי אַזוי און פון וואַנען, אָבער אין שטאָט האָבן זיך פונאַנדערגעטראָגן קלאַנגען, אַז איינער פון די באָמבע־וואַרפער איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן און ער ליגט אין שפּיטאָל. די קלאַנגען זיינען אויך דערגאַנגען צום דאָקטער. דער דאָקטער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער דערוואַרט, אַז די פּאָליציי זאָל קומען אין שפּיטאָל און מאַכן אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג און מען מוז רייזעלען גלייך צונעמען פון שפּיטאָל. נאָר מ'דאַרף זי פון שפּיטאָל אַרויסנעמען מיט גוואַלד.

אַ גרופּע בונדיסטן זיינען גלייך אַוועק אין שפּיטאָל, האָבן אַרעסטירט אַלע באַאַמטע, גענומען רייזעלען אויף די הענט און דורך דער הינטערשטער טיר פון שפּיטאָל זי אַרויסגעטראָגן.

דער שפּיטאָל איז געשטאַנען ביים ברעג טייך. עס איז געווען אַ שיפל, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט. מען האָט רייזעלען אַריינגענומען אין שיפל און צוויי זיינען מיט איר אַוועקגעשוואומען און פאַרשוואונדן פון דער פּאָליציי. די איבעריקע פון די וועלכע זיינען באַפאַלן דעם שפּיטאָל זיינען אַרוים צוריק אין גאַס. ווען זיי זיינען שוין געווען אין דרויסן, איז פּאָליציי באַפאַלן דעם שפּיטאָל און געזוכט דאָס מיידל, וואָס איז אויפגע־ריסן געוואָרן פון אַ באָמבע. דאָס מיידל איז שוין אָבער דאָרט ניט געווען.

אין שטאָט האָבן זיך אַלע געגרייט צו דער דעמאָנסטראַציע. דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט אין וואַלד מיט די מענטשן, וואָס זיינען זיך געגאַנגען לערנען וואַרפן די באָמבע האָט די צוגרייטונג צו דער דעמאָנסטראַציע ניט אָפּגעהאַלטן.

אין שטאָט האָבן זיך אַלע צו עפּעס געגרייט. די לופט האָט געשמעקט מיט שטורעם. די צייטונגען האָבן געבראַכט די נייַס, אַז אין אָדעס, אויפן ברעג פון שוואַרצן ים, איז אַן אויפשטאַנד פון די מאַטראָסן אויף דער שיף „פּאָטיאָמקין"; אין לאָדז שלאָגט מען זיך אויף די באַריקאַדן; אין אַנדערע שטעט זיינען גרויסע אומרוען און דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן; און דער צענטראַלער קאָמיטעט פון „בונד" האָט פונאַנדערגעשיקט אַ באַפעל, אַז אין יעדער שטאָט זאָל מען מאַכן דעמאָנסטראַציעס.

מען האָט זיך אויך גענומען גרייטן צו אַ דעמאָנסטראַציע. אין דער גרויסער שול האָט מען שבת בייטאָג געמאַכט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. טויזנ־טער מענטשן האָבן אָנגעפילט די שול, און נאָך מער זיינען געשטאַנען אויפן שולהויף. די הויפּט־רעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען: די בונ־דיסטן עזרא און סערגעי. סערגעי איז געווען אַ פייערדיקער רעדנער. ער האָט געקענט היפּנאָטיזירן טויזנטער און טויזנטער צוהערער; אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציק שוואַרץ בערדל, האָט זיין פּנים אויסגעזען ווי פון אַ הייליקן.

נאָך דער פאַרזאַמלונג אין שול האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ פּאָר גאַסן ביז מען וועט קומען צו דער הויפּטגאַס, וואו עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די דעמאָנסטראַציע. די באַגייסטערונג איז געווען אַן אומגעהייערע. די לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער, אָבער קיינער האָט זיך ניט געשראָקן.

צו דער דעמאָנסטראַציע האָט זיך דער בונדישער קאָמיטעט לאַנג געגרייט. בלויז עטלעכע נאָנטע האָבן פריער געוואוסט, אַז אַלטער דער בלעכער, וועלכער האָט מיט בערעלען געוואוינט אין איין צימער, קומט שוין ניט אַ וואָך צייט אַהיים, אַז ער איז ערגעץ פאַרשפּאַרט אויף אַ גע־היימער קוואַרטיר, און צוזאַמען מיטן בעמיקער אַלפער גרייט ער צו באָמ־בעס פאַר דער דעמאָנסטראַציע.

אַ טאָג פאַר דער דעמאָנסטראַציע האָט די בונדיסטקע אסתר צוזאַ־מענגערופן צו זיך אין שטוב זיבן מענטשן און זיי דערקלערט, אַז עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז קאָזאַקן זאָלן באַפאַלן די דעמאָנסטראַנטן, און עס זאָלן פאַלן אַ סך קרבנות. דאַרף מען דאָס אויסמיידן. און זי גיט איבער דעם באַ־

שלום פון קאָמיטעט פון „בונד", אַז איינס אַ זייגער ביטאָג, ווען די פאַר־זאַמלונג אין שול וועט פאַרקומען, זאָלן זיי זיך אַוועקשטעלן אויפן ווינקל פון גאַס, וואו די קאָזאַקן דאַרפן דורכפאָרן און וואַרפן אויף זיי אַ באָמבע.

פאַר דעם באָמבע־וואַרפער האָט מען באַשטימט חיימקע דעם שניידער. ווען די פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אין שול, איז בערעלע מיט זיין גרופּע געשטאַנען אויפן באַשטימטן פּלאַץ. שטייענדיק אויפן פּאָסטן, האָבן זיי דערהערט אַ שיסעריי. דאָס זיינען די קאָזאַקן געקומען פון אַן אַנדער גאַס. דעריזעענדיק די דעמאָנסטראַנטן, האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן, און אברהמע־לע פון „קליינעם בונד" איז געפאַלן טויט.

אַ שרעק איז באַפאַלן די שטאָט. מען האָט צום ערשטן מאָל דערהערט שיסערייען. אַלע ווינקעלעך פון שטאָט זיינען גלייך פאַרפלייצט געוואָרן מיט פּאָליציי, קאָזאַקן און סאָלדאַטן. די זיבן באָמבע־וואַרפער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן ביי אַ חבר. וואָס צו טאָן מיט דער באָמבע האָבן זיי ניט געוואוסט. שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען אוממעגלעך. עס איז געווען אַ מורא אויפן גאַס אַרויסצו־גיין. זיי האָבן צווישן זיך באַשלאָסן צו זיצן ביי איינעם פון די חברים אויפן קוואַרטיר ביז עלף אַ זייגער ביינאַכט, דערנאָך זאָלן זיי אַוועק אויף יענער גאַס, דורך וועלכער די קאָזאַקן גייען צוועלף ביינאַכט אין זייערע קאַזאַר־מעס, און וואַרפן אויף זיי די באָמבע, כדי צו נעמען נקמה פאַר דעם טויט פון דעם קליינעם אברהמעלע.

אין שרעק און פאַרצווייפלונג איז בערעלע און זיינע חברים אַזוי גע־זעסן ביז עלף אַ זייגער ביינאַכט. עלף אַ זייגער האָבן זיי זיך איינציקווייז אַרויסגעלאָזט אין גאַס צום באַשטימטן פּלאַץ. זיי האָבן זיך אויפן גאַס אַרומגעדרייט ביז האַלב נאָך צוועלף אַ זייגער, אָבער קיין קאָזאַקן זיינען ניט אָנגעקומען. זיי זיינען געווען זיכער, אַז די קאָזאַקן זיינען שוין לאַנג דורכגעגאַנגען. זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין אויף יענער גאַס, וואו עס שטייט דעם גובערנאַטאָרס הויז און דאָרטן וואַרפן די באָמבע.

געזאָגט און געטאָן. זיי זיינען אַלע אַוועק צום גובערנאַטאָרס הויז. אַנטקעגן דעם גובערנאַטאָרס הויז האָט זיך געפונען אַ קליינער שטאָטישער גאָרטן. זיי האָבן זיך דאָרטן אַוועקגעזעצט און האָבן אַרויסגעשיקט איינעם אויספאָרשן וואָס עס טוט זיך אַרום. ער איז געקומען און געמאָלדן, אַז

אין גאַס שפּאַצירט קיינער ניט אַרום. לעבן גובערנאַטאָרס טיר ביים אַרײַנ־גאַנג שטייען אַ פּאָר פּאָליציי־לייט, און אימעצער זיצט אויפן גובערנאַ־טאָרס באַלקאָן.

זיי האָבן גלייך געזאָגט צו חיימקע דעם שניידער: „מיר גייען וואַרפן די באָמבע". יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַ „בראַונינג"־רעוואָלווער. אויב מע וועט אימעצן פון זיי אַרעסטירן און ער וועט זיך ניט קענען ווערן, זאָל ער זיך אַליין דערשיסן. צו דער פּאָליציי אין די הענט זאָל מען זיך ניט איבערגעבן.

און חיימקע האָט די באָמבע געוואָרפן. מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער קראַפט האָט די באָמבע אויפגעריסן. זי האָט אַרויסגעריסן גאַנצע שטיקער פון גובערנאַטאָרס הויז. די באָמבע־וואַרפער, וואָס בערעלע איז געווען צווישן זיי, זיינען זיך צעלאָפן אין פאַרשיידענע זייטן. קיינער האָט ניט געוואוסט, צי אימעצער פון זיי איז אַרעסטירט.

אויף מאָרגן 11 אַ זייגער, האָבן זיי זיך אַלע געדאַרפט באַגעגענען אין איין פּלאַץ, אויסצוגעפינען צי אַלע פון זיי זיינען געבליבן לעבן. אַלע זיבן זיינען אויף מאָרגן געקומען.

בערעלע איז יענע נאַכט אַוועק צו צוויי באַקאַנטע בונדיסטן. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז ער איז איינער פון די, וואָס האָבן געוואָרפן די באָמבע. זיי האָבן אָבער געהערט, ווי די באָמבע האָט געקראַכט, זיי האָבן דורכן פענצטער געקוקט, ווי עס לויפן קאָזאַקן און סאָלדאַטן. די נאַכט איז געווען אַ שרעקלעך־אומרואיקע.

אויף מאָרגן האָבן זיי געלייענט אין די צייטונגען, אַז די דריי פּאָליציי־לייט ביים גובערנאַטאָרס הויז זיינען דערהרגעט געוואָרן; אַז אַן אָנגעזעע־נער שטאָטישער באַאַמטער, וועלכער איז אין יענער צייט געווען ביים גובערנאַטאָר אין הויז, איז פון שרעק געשטאָרבן.

אויף מאָרגן האָט בערעלע איבערגעגעבן דעם קאָמיטעט, אַז זיי זיינען עס געווען די, וואָס האָבן געוואָרפן די באָמבע. דער קאָמיטעט האָט בערע־לען שטאַרק פאַרגעוואָרפן פאַר דעם. אסתר האָט פאַר זיי געהאַלטן אַן ערנסטן פּאַרטראַג, אַז דער „בונד" גלייבט ניט אין טעראָר; אַז זיי זאָלן מער קיין מאָל אַזאַ זאַך ניט טאָן. נאָך דעם ווי זי האָט די רעדע געענדיקט, איז זי צוגעגאַנגען צו חיימקען, אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן פאַר דער העלדישקייט.



דער שטורעם קומט

גרויסע געשעענישן אין רוסלאַנד. עס בונטעווען זיך די אַרמיי. אַן אויפ־שטאַנד פון די מאַטראָסן אין אָדעס און וולאַדיוואָסטאָק. אַלע פילן, אַז דער טראָן פונעם קייסער איז צעטרייסלט און האַלט ביים צעפאַלן. אָט, אָט און רוסלאַנד ווערט פריי. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט ברויזט, די אַרבעט ווערט געפערלעכער, מען איז ניט זיכער מיטן לעבן. אַלע טאָג גייען אַרום די קאָזאַקן אַרום דער אַרבעטער־בירזשע, בייזע, מיט געלאָדענע ביקסן, דורשטיקע נאָך בלוט. עס דערטראָגט זיך די טרויעריקע נייס, אַז אין ביאַלעסטאָק האָט מען געשאָסן אויף דער בירזשע וואו די אַרבעטער האָבן רואיק מאַרשירט. אַ סך זיינען געפאַלן טויט. דאָס וואָס עס האָט געקאָנט זיין אין ביאַלעסטאָק קאָן אויך זיין אין אַנדערע שטעט.

אָבער בערעלע דערשרעקט זיך ניט. פאַרקערט, ער ווערט נאָך שטאַר־קער, פאַרהאַרטעוועטער.

יעדער טאָג נייע אַרבעט, נייע שטורעמס. סטרייקן, פאַרזאַמלונגען, רעגנס פון פראָקלאַמאַציעס. בערעלע טראָגט זיך ווי אַ שטורעם פון שטאָט צו שטאָט. וואו ער טאָגט, דאָרטן נעכטיקט ער ניט.

מיט דער צייט האָט זיך ביי בערעלען אויסגעאַרבעט אַ חוש, צו דער־פילן און באַמערקן די שפּיאָנען וואָס גייען אים נאָך. און ער פלעגט אויף אַ מערקווירדיקן פלינקן אופן זיך אויסדרייען פון זיי, פאַרשווינדן ווי אין וואַ־סער אַריין.

איין מאָל פאָרט בערעלע אין אַ שטאָט מיט אַ וויכטיקער שליחות פון קאָמיטעט פון „בונד“. ער איז אָנגעטאָן אין פיינע קליידער, זיצט אין

„צווייטן קלאַס". עס טראָגט זיך דער צוג פון סטאַנציע צו סטאַנציע. בערעלע באַמערקט ווי אַ יונגערמאַן גייט עטלעכע מאָל דורך דעם וואַגאָן וואו ער זיצט און קוקט זיך צו צו אים. זיכער אַ שפּיאָן, טראַכט בערעלע ביי זיך. מען דאַרף פאַרשווינדן. אָבער ווי אַזוי? די באַן גייט מיט אַ שטאַרקער שנעלקייט. אַרונטערגיין אויף אַ סטאַנציע? וועט מען אים זיכער אַרעסטירן. ס'איז ביינאַכט. בערעלע שטייט ביי דער טיר פון וואַגאָן. אפשר וועט דער צוג אָנהייבן צו גיין פּאַמעלעכער וועט ער אַרונטערשפּרינגען. ער שטייט אַן אומרואיקער. אָבער אָט הייבט דער צוג אָן גיין שטיל, ער דאַרף דורכגיין אַ קרומען, געדרייטן שטיק וועג. בערעלע עפנט די טיר און שפּרינגט אַרונטער.

ס'איז אין מיטן פעלד. די נאַכט איז פינצטער. וואוהין צו גיין ווייס ער ניט. די געגנט איז אַ פרעמדע. גיין מיט די רעלסן איז אַ געפאַר. האָט ער גענומען גיין איבערן פעלד. ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן ליכטיק איז ער אָנגעקומען אין אַ דאָרף, האָט געדונגען ביי אַ פּויער אַ פור און איז געפאָרן ווייטער. ווען די פערד האָבן זיך געטראָגן, האָט בערעלע געלאַכט פון פרייד. ער האָט דעם גאַנצן וועג געטראַכט ווי נאַריש דער שפּיאָן זעט דאָרטן איצט אויס, ווען ער האָט זיך געכאַפּט אַז זיין קרבן איז פאַרשוואונדן.

* * *

דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע טראָגט זיך איבערן גאַנצן לאַנד מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט. עס בונטעווען זיך די פּויערים אין דאָרף. זיי פאָדערן מער ערד, מער ברויט און פרייהייט. עס בונטעווען זיך די סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן. אַרבעטער סטרייקן אין אַלע גרויסע שטעט פון רוסלאַנד. די צאַרישע רעגירונג שמייסט די פּויערים אין די דערפער, סטודענטן ווערן אַרעסטירט אומעטום. סאָלדאַטן שיסן אויף סטרייקערס, בלוט גיסט זיך איבער גאַנץ רוסלאַנד. אין די טורמעס ווערן געפּייניקט פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס פאָלק איז אויפגעשטורעמט. עס פאָדערט נקמה פאַר די אומזיסט־געפּייניקטע, פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט. די רעוואָלוציאָנערן באַוואָפענען זיך. מען פירט דורך טעראָר־אַקטן, מען דערשיסט

מיניסטאָרן, גענעראַלן, וועלכע האָבן געגעבן באַפעלן צו שיסן אין פרידלעכע סטרייקערס, באַאַמטע וואָס האָבן געפייניקט די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס און האָבן געשמיסן פויערים אין די דערפער. פון די טעראָר־אַקטן איז די צאַרישע רעגירונג צעשראָקן, פאַרלאָרן, זי ווייס ניט וואָס צו טאָן.

עס ווערט אַרויסגערופן אַ סטרייק פון אַלע אייזנבאַן־אַרבעטער. די אייזנבאַנען גייען ניט. דאָס לעבן אין לאַנד ווערט אָפּגעשטעלט. שטעט ווערן אָפּגעריסן איינע פון דער צווייטער. ניטאָ קיין פאַרבינדונגען. אַלץ ווערט פּאַראַליזירט.

דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט מוז שיקן אַ דעלעגאַציע אין דער שטאָט באַברויסק. די באַנען גייען ניט. וואָס טוט מען ?

מען שיקט פאָרשטייער צו די אייזנבאַן־סטרייקערס זיי בעטן, זיי זאָלן געבן אַ ספּעציעלן צוג צו פאָרן קיין באַברויסק. זיי באַוויליקן.

און אָט איז דער קאָמיטעט שוין אויף דער סטאַנציע. דער צוג שטייט גרייט. אויפן לאָקאָמאָטיוו פלאַטערן רויטע פאַנען מיט אויפשריפטן : „זאָל לעבן די רעוואָלוציע !" „מיר פאַרלאַנגען אַ פרייע רוסלאַנד !" אין דעם צוג פאָרן וויכטיקע פאַרטרעטער פון דער רעוואָלוציע. און אין דעם בונדישן קאָמיטעט אויף יענעם ספּעציעלן צוג האָט זיך אויך געפונען אונדזער בע־רעלע.

פאָרנדיק האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיינע אָרעמע קינדער־יאָרן, אָן עסן „טעג" און שלאָפן אין שול אויף דער האַרטער באַנק. ער האָט זיך דערמאָנט אָן חיים דעם שניידער און אָן דער בייזער זלאַטען, וואָס האָט אים גערופן „אומזיסטער פרעסער", און האָט דאָס אַלץ פאַרגליכן מיט זיין היינט. וואָס פאַר אַן ענדערונג ! און אין גאַנצן האָט דאָס פּאַסירט אין איינע פינף יאָר צייט ! אָ, ווי האַסטיק האָט ער, בערעלע, זיך געטראָגן אויף די כוואַליעס פון לעבן !

דער לאַקאַמאַטיוו האָט שטאַרק געפּייפט. דאָס האָט דער אינזשענער מיט דעם שטענדיקן פּייפן געוואָלט לאָזן וויסן אַלע מענטשן, אַז עס גייט אַ נייע צייט, אַ נײַ לעבן פון פרייהייט און גליק. און די רויטע פאָן האָט געפלאַטערט איבערן לאַקאַמאָטיוו. בערעלע און די אַנדערע, וואָס זיינען דאָ געפאָרן, האָבן געזונגען לידער פון דער רעוואָלוציע, פון דער פרייהייט, וואָס דאַרף קומען. און בערעלע האָט געטראַכט, ווי גליקלעך עס וואָלטן געווען יענע רעוואָלוציאָנערן, ווי סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ, זשעליאַבאָוו און אַנדערע, וואָס זיינען ווי העלדן געשטאָרבן אויף די עשאַפאָטן פון רוסלאַנד, ווען זיי קאָנען איצט מיט זייערע אויגן זען ווי רוסלאַנד ווערט פריי!

די צאַרישע רעגירונג גיט זיך אונטער. זי לאָזט אַרויס אַ מאַניפעסט, אַז זי גיט פרייהייט דעם רוסישן פאָלק. דער אייזנבאַן־סטרייק ענדיקט זיך. אין אַלע שטעט מאַרשירט מען אין די גאַסן פאַר גליק. אויף די גאַסן פלאַטערן רויטע פאָנען. יונג און אַלט — אַלע זינגען אין די גאַסן דאָס ליד פון פרייהייט, דאָס ליד פון זיג.

די בונדישע רעדנער טראָגט מען אויף די הענט, און בערעלע, וואָס האָט איצט דעם פאַרבאַהעלטענעם נאָמען איסאַק, ווערט אויך אויף די הענט געטראָגן! ער האַלט פייערדיקע רעדעס, ער באַגריסט דאָס פאָלק מיטן העלדישן זיג. צו זיין גליק איז גאָר קיין ברעג ניטאָ. פאַר אים איז דאָס ניט נאָר אַ זיג פון פרייהייט פאַרן רוסישן פאָלק, פאַר אים איז דאָס אַ זיג פון זיין אייגענער דערהויבונג. ער טראַכט וועגן זיך: „איך, דעם שוסטערס יינגל פון פאַרוואָרפענעם שטעטעלע, איך האָב מיט מיין אַרבעט, דורך מיין קאַמף, געהאָלפן געווינען פרייהייט פאַרן גאַנצן רוסישן פאָלק! און מען טראָגט מיך היינט אויף די הענט, צו מיינע רייד הערן זיך צו אַרבעטער און אינטעליגענטן, קרעמער און פאַבריקאַנטן, יידן און קריסטן, אַלע שרייען: איסאַק, איסאַק! וואָס פאַר אַ וואונדער! וואָס פאַר אַ וואונדער!"

נאָר לאַנג האָט די פרייד ניט געדויערט. ווען דער אייזנבאַן־סטרייק האָט זיך געענדיקט, האָט די צאַרישע רעגירונג אָנגעזאַמלט נייע קרעפטן און האָט צוגענומען צוריק אַלע פרייהייטן וואָס זי האָט געגעבן. מען האָט צוריק גענומען שיסן אויף אַרבעטער אין די גאַסן. ווידער האָט זיך בלוט געגאָסן איבער דער רוסישער ערד. ס׳ווערט פּראָקלאַמירט קריגצושטאַנד איבער גאַנץ רוסלאַנד. אומעדום מאַרשירן סאָלדאַטן און קאָזאַקן, מיט געווער אין די הענט, פּאַטראָלירן די גאַסן און וואַרפן אָן אַ שרעק אויף דער באַפעלקערונג. עס קומען פאָר ריזיקע אַרעסטן אין אַלע שטעט. די טורמעס זיינען איבערגעפּאַקט. מען אַרעסטירט שולדיקע און אומשולדיקע. מען כאַפּט מענטשן אין גאַס, אין די הייזער אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען און מען פירט זיי אין טורמע. דאָס לעבן ווערט הפקר.

בערעלע קאָן פון שטוב ניט אַרויסגיין. די פּאָליציי זוכט אים. ער פילט, אַז מען דאַרף די גאַנצע אַרבעט אָנהייבן פון דאָס ניי.

פון דער שטאָט מוז ער אַנטלויפן. דאָ צו בלייבן איז געפערלעך. און אין אַ פינצטערער נאַכט, דורך זייטיקע געסלעך גייט בערעלע אַוועק צו דער באַן און פאַרשווינדט פון דער שטאָט.



דאָס צווייטע מאָל
אין טורמע

דער צאַרישער רעגירונג גיט זיך איין די רוסישע פרייהייטס־באַוועגונג צו דערטרינקען אין בלוט פונעם רוסישן פאָלק.

עס ווערט אָבער ניט געבראָכן דער מוט פון „בונד". אַ סך זיינען אַנט־לאָפן, אָבער נאָר די שוואַכע, די וועלכע זיינען געקומען צום „בונד" ווען אַלץ האָט געזונגען דאָס ליד פון זיג. אָבער די, וועלכע זיינען געקומען צום „בונד" אין די ערשטע יאָרן, זיי זיינען געבליבן מיטן „בונד".

בערעלע געפינט זיך איצט אין פוילן. ער פאָרט פון שטאָט צו שטאָט, שטעלט איין די אַרבעט פון „בונד", רופט פאַרזאַמלונגען, רעדט, באַגייס־טערט, אָבער ער פילט, אַז די מאַסע איז מיד, אַנטוישט. בערעלען ווערט אומעדיק אויפן האַרצן, אָבער ער גיט זיך ניט אונטער.

מען פרובירט אין גאַנץ רוסלאַנד אַרויסרופן אַ צווייטן אייזנבאַן־סטרייק. בערעלע, מיט אַ גרופּע יידישע און פוילישע אַרבעטער, גייט אַרונטערנעמען די אייזנבאַן־אַרבעטער אין סטרייק. אָבער די אַרבעטער גייען ניט. עס פאַנגען זיך אָן געשלעגן, מען פרובירט די אַרבעטער אַרונטערנעמען מיט גוואַלד פון דער אַרבעט. עס קומט פאָליציי און בערעלע מיט זיינע חברים ווערן אַרעסטירט.

אויפן וועג אין טורמע אַריין שלאָגט מען זיי, מען באַליידיקט זיי מיט די ערגסטע ווערטער. איין פאָליציאַנט האָט מיטן הענטל פון זיין רעוואָל־ווער דערלאַנגט בערעלען אַ קלאַפּ אין פנים. בערעלע האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט. ער האָט שוין געזען ווי עס האָט זיך געגאָסן בלוט פון אַרבעטער, אָבער זיין אייגן בלוט האָט ער דאָ דערזען צום ערשטן מאָל.

ווען מען האָט בערעלען און זיינע חברים געבראַכט אין טורמע, זיינען זיי געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט און דערשלאָגן. ווען מען האָט זיי אַריינגעלאָזן אין קאַמער, האָבן זיי זיך אַלע מיט צעבראָכענע, מיט צע־ווייטיקטע ביינער אַ וואָרף געטאָן אויף זייערע נאַרעס און געבליבן ליגן האַלב טויט. זיי האָבן גאָרנישט געפילט און גאָרנישט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום זיי.

אויף מאָרגן, ווען בערעלע איז אויפגעשטאַנען, האָט ער דערפילט, אַז די טורמע, די מענטשן, אַלץ, אַלץ איז איצט ניט דאָס וואָס געווען. דעמאָלט, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געזעסן אין טורמע, איז די רעוואָלוציע גע־גאַנגען באַרג אַרויף, איז אין טורמע געווען פרייער, בעסער. דעמאָלט זיינען געזעסן אַלס פּאָליטישע אַרעסטאַנטן נאָר די וואָס זיינען געווען אמתע רעוואָלוציאָנערן, אָבער היינט, ווען די רעוואָלוציע גייט באַרג אַראָפּ, זיינען געבראַכט געוואָרן אין טורמע טויזנטער און טויזנטער, וואָס האָבן מיט דער רעוואָלוציע אין אמתן גאָרנישט געהאַט וואָס צו טאָן.

בערעלע האָט איצט ביי זיך אין קאַמער געזען פרומע פּויערים, וואָס צלמען זיך ביי יעדער געלעגנהייט, יידן, וואָס דאַווענען אין טלית און תפילין. אויף בערעלען האָט די איצטיקע טורמע אַ שווערן איינדרוק געמאַכט.

די באַדינגונגען אין טורמע זיינען אויך געוואָרן שווערער. די וועכטער האָבן זיך צו אַלעמען באַצויגן שטרענג, אַפּטמאָל פרעך. קיין ביכער צו לייענען האָט מען אין טורמע מער ניט געגעבן. יעדער פּאַרנאַכט, נאָך זעקס אַ זייגער, ווען מען האָט איבערגעציילט די אַרעסטאַנטן אין אַלע קאַמערן, האָבן זיך אַלע געמוזט לייגן אויף זייערע געלעגערס. מען האָט ניט געטאָרט אַרומגיין, ניט געטאָרט רעדן צווישן זיך. די אומצופרידנקייט צווישן פּאָ־ליטישע אַרעסטאַנטן איז געוואָרן אויסערגעוויינטלעך. מ'האָט זיך גענומען צוזאַמענרעדן קאַמער מיט קאַמער וועגן אַ פּראָטעסט, וועגן אַ קאַמף מיט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע. אָבער ווי אַזוי קעמפט מען דאָ? וואָס דאַרף מען טאָן און וואָס קען מען דאָ טאָן? מ'האָט געפירט צווישן זיך שטילע דיסקוסיעס; מ'האָט באַטראַכט פּלענער און דערנאָך האָט מען זיך גע־איייניקט, אַז אין אַ געוויסער שעה אין טאָג זאָל די גאַנצע טורמע אָנהייבן צו זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער, און ווען דער שעף פון טורמע

וועט קומען איינצושטילן די אַרעסטאַנטן, זאָל מען פון אים פאָדערן בעסערע באַהאַנדלונג, ביכער צום לייענען; אין די קאַמערן זאָלן ניט זיין צוזאַמענגעשפּאַרט אַזוי פיל מענטשן און נאָך אַזעלכע פאָדערונגען.

די באַשטימטע שעה איז געקומען. ביי אַלע פענצטער פון טורמע שטייען פּאָליטישע אַרעסטאַנטן און זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" אין רוסיש; עס ווערט אַ פּאַניק צווישן די וועכטער. אין אַ פּאָר מינוט ווערט די טורמע אַרום און אַרום באַלאַגערט מיט סאָלדאַטן. דער שעף פון טורמע וויל ריידן מיט פאָרשטייער פון די אַרעסטירטע. אַ קאָמיטעט פון צען, פון פאַרשיידענע קאַמערן, גייט אַרויס אויפן הויף פון טורמע. די וועכטער רינגלען זיי אַרום און מ'פירט זיי צום שעף. צוריק האָט מען זיי שוין ניט געבראַכט. מען האָט זיי פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטערן „קאַרצער" — אַ קליין צימערל, וואָס האָט ניט קיין פענצטער און האָט ניט קיין אָרט צום שלאָפן.

דאָ אין דער פינצטערניש האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן זיבן טעג. זיבן טעג צייט האָבן זיי קיין ליכטיקע שיין ניט געזען!

בערעלע איז אויך געווען צווישן די צען. ווען בערעלע איז אַרויס פון קאַרצער, האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זיינע אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט. דורך די זיבן טעג האָבן זיך די אויגן אָפּגעוואוינט פון ליכט; אַן אָפּגעצערטן און אויסגעמאַטערטן האָט מען אים אַרויפגעפירט צוריק אין זיין קאַמער. דאָס בלוט האָט אין אים געזאָטן פון פאַרדראָס און כעס פאַר זיך און פאַר זיינע חברים.

אָבער דער קאַמף אין טורמע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ הונגער־סטרייק, און אַלע ווי איינער האָבן געזאָגט: איידער אַזאַ לעבן שוין בעסער שטאַרבן, זיך לאָזן פאַרהונגערט ווערן, לאָזן דאָס לעבן זיך לאַנגזאַם אויסלעשן. און אויב מען וועט גאָרניט אויספירן און מען וועט אפשר אַזוי אַליין אַוועקגיין פון דער וועלט פאַר דער צייט, וועט אָבער דורך דעם אַנדערע ווערן בעסער, יענע הונדערטער און הונדערטער וואָס מ'וועט ברענגען אין טורמע אַריין מאָרגן און איבערמאָרגן.

און דער הונגער־סטרייק האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט ווי געוויינטלעך געבראַכט די אַרעסטאַנטן עסן אין די קאַמערן נאָר קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צו די שפּייז. אַזוי איז געווען איין טאָג, צוויי טעג און דריי

טעג. דריי טעג נאָך אַנאַנד ניט געגעסן! ביי אַ סך פון די אַרעסטאַנטן האָבן די געמיטער אָנגעהויבן אָפּגעשוואַכט צו ווערן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען, אַז מ׳דאַרף דעם סטרייק אויפגעבן. אויפן פערטן טאָג האָט אַ גרויסע צאָל אָנגעהויבן עסן. אָבער בערעלע און נאָך עלף פּאָליטישע אַרעס־טירטע האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. און זיי האָבן ווייטער ניט געגעסן, נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג. עס איז שוין דער זיבעטער טאָג פון הונגער־סטרייק. בערעלע ליגט אויף זיין בעטל און פילט שוין ניט דעם ווייטיק פון הונגער. די אברים באַוועגן זיך ניט. פון זיין בלאַסן אויסגע־דאַרטן פּנים שטאַרצן אַרויס נאָר אַ פּאָר גרויסע אויגן. די וועכטער פון טורמע פּרובירן אים געבן עסן מיט גוואַלד. מיט אַ לעפל שפּאַרן זיי וואַרעמע זופּ אים אין די ציין אַריין. בערעלע האַלט די ציין פאַרשטשעמעט און לאָזט ניט. מ׳נעמט אים צו אין שפּיטאָל. מ׳גיט אים אַ באַזונדער צימער. דער שעף פון טורמע פאַרזיכערט שוין אים און זיינע חברים, אַז מ׳וועט זיי האַלטן אין באַזונדערע קאַמערן און מ׳וועט זיי געבן לייענען ביכער. און אויפן אַכטן טאָג הייבט בערעלע אָן צו עסן. ער עסט צו ביסלעך, פאָרזיכ־טיק. זיין געזונט הייבט אָן צוריק צו קומען.

אַזוי גייען אַוועק וואָכן אין שפּיטאָל. ענדלעך פירט מען אים אַוועק צוריק אין אַ טורמע־קאַמער. ער זיצט מיט נאָך דריי חברים. דאָס לעבן איז איצט דאָ פאַר זיי לייכטער, מענטשלעכער. דער שעף פון טורמע קוקט אויף בערעלען און זיינע דריי חברים מיט כּעס, אָבער אין זיין בייזן בליק פילט זיך אויך רעספּעקט פאַר מענטשן, וואָס קאָנען אַזוי קעמפן, קאָנען אַזוי פיל ליידן פאַר זייערע אידעאַלן.

און אָט שטייט בערעלע פאַרן קריגסגעריכט. אַרום אַ הויכן טיש זיצט אַ גענעראַל מיט פיר אָפיצערן. דער גענעראַל, אַן עלטערער מענטש מיט אַ לאַנגער גרויסער באָרד, מיט אַ פּריציש געמיטלעך געזיכט, לייענט פאַר בערעלען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. בערעלעס אַדוואָקאַט האַלט זיין פאַרטיידיקונגס־רעדע. אין זיין רעדע זוכט ער ניט ביים געריכט קיין גע־רעכטיקייט, אַזוי ווי דאָס האָט אויך ניט געזוכט בערעלע. דער אַדוואָקאַט גייט דורך די גאַנצע לעבנס־געשיכטע פון בערעלען: אַ קינד פון אָרעמע על־טערן, אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל, וועלכער האָט זיך געהאָדעוועט אין אָרעמקייט, איז געוווען אומרויסנדיק, האָט זיך אַנטוויקלט, גיט אַוועק זיין

גאַנץ יוגנטלעך לעבן כדי צו מאַכן גליקלעך אַנדערע. דער „בונד", צו וועלכן בערעלע געהערט, איז ניט קיין טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציע, זאָגט דער אַדוואָקאַט. אין אַנדערע לענדער ווערן אַזוינע בירגער ווי בערעלע הויך געשעצט. דאָ ווערן זיי געמאַטערט און פאַרפאָלגט.

ווען דער אַדוואָקאַט האָט געהאַלטן זיין רעדע, איז בערעלען געווען זייער פריילעך אויפן האַרצן. ער האָט זיך געפילט שטאָלץ, וואָס דער אַדוואָקאַט שילדערט אַזוי שיין דאָס העלדישע לעבן פון אַן אָרעמען יידישן בחור און זיין קאַמף פאַר מענטשלעכן גליק. אָבער דער גענעראַל און די פיר אָפיצערן זיינען געזעסן גלייכגילטיק און קאַלט. דער פּראָקוראָר, וואָס האָט באַשולדיקט בערעלען, האָט אין זיין רעדע געוואָלט באַווייזן, וואָס פאַר אַ געפערלעכע אָרגאַניזאַציע דער „בונד" איז און וואָס פאַר אַ געפערלעכער מענטש עס איז בערעלע.

נאָך די רעדעס זיינען די ריכטער אַרויס פון זאַל. ס'האָט געדויערט נאָר אַ פּאָר מינוט און זיי זיינען אַריין צוריק אין גרויסן צימער. שטייענדיק, מיט אַ שטרענגער שטימע, האָט דער גענעראַל דורכגעלייענט די שטראָף וואָס זיי האָבן באַשלאָסן פאַר בערעלען : פאַרשיקן אויף פיר יאָר קאַטאָרגע, אויף שווערער אַרבעט אין די טורמעס פון סיביר, און דערנאָך, ווען ער וועט אַרויס פון טורמע, פאַרלירט ער אַלע ציווילע רעכט און מוז אויף אייביק בלייבן אין סיביר.

בערעלען האָט דער אורטייל ניט דערשראָקן. ער האָט זיך נאָך פריער געריכט דערויף. פאַרקערט, ער האָט דערוואַרט נאָך אַ סך ערגערס.





אויג אויף אויג מיטן טויט

פון קריגסגעריכט פירט מען בערעלען צוריק אין טורמע. מ'זעצט אים אַריין אין אַן אַנדער קאַמער. אין יענער קאַמער זיצט נאָך אַן אַרעס־טאַנט, אַ פּוילישער יונגער בחור. ער ווערט באַשולדיקט אין מאַכן אַן אי־בערפאַל אויף אַ רוסישער פּאָסט. אים דערוואַרט טויטשטראָף. אין אַ פּאָר טעג אַרום פירט מען דעם פּוילישן בחור אויך פאַרן קריגסגעריכט. און ווען מען ברענגט אים צוריק אין קאַמער, זאָגט ער מיט אַ שטילער שטים: „מ'האָט מיך פאַרמשפּט צום טויט."

שווער איז געוואָרן בערעלען אויפן האַרצן. ער האָט געטראַכט ווי שוידערלעך עס וועט זיין פאַר אים ווען מ'וועט דעם יונגן יאַנעקן דאַרפן פון זיין צימער אַרויסנעמען און פירן צום טויט. וואו נעמט מען דעם כוח פון שמשון הגבור — טראַכט בערעלע — כדי קענען פונאַנדערשפּאַרן די ווענט און אַנטלויפן מיט יאַנעקן!

יאַנעק האָט באַלאַנגט צו דער „פּע. פּע. עס.", צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון פוילן; ער איז געווען אַ יונגער, שלאַנקער, בלאָנדער בחור, אַ גימנאַזיסט, פון רייכע עלטערן. יאַנעק האָט זיך געהאַלטן העלדיש. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען איבערן קאַמער אַ שווייגנדיקער, און ווען ער האָט שוין געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, זיינען דאָס גאָר געווען ווערטער פון טרייסט צו בערעלען!

— „זאָרגט ניט, — האָט יאַנעק איין מאָל אַזוי אַ זאָג געטאָן צו בערע־לען — איך וועל גיין צו דער תליה רואיק; איך וועל ביי קיינעם ניט בעטן קיין רחמנות. אויב איך דאַרף ברענגען מיין קאָפּ פאַר אַ קרבן פאַר דער

פרייהייט פון מיין פאָלק, בין איך דאָס גרייט מיט ליבשאַפט צו געבן. אָבער — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ שטים דורכגעדרונגען פון צער און ווייטיק, — עס וועט אויך קומען דער טאָג ווען די מאַסקאַלעס (אַזוי פלעגן די פּאָליאַקן רופן די צאַרישע דינער) וועלן דאַרפן אָפּגעבן דין און חשבון פאַר מ י י ן בלוט, פאַר ד י י נ ע ליידן, און פאַר די ליידן פון טויזנטער און טויזנטער אַנדערע ווי מיר."

אַזעלכע ווערטער פון יאַנעקן פלעגן בערעלען שטאַרקן.

די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן געוואוסט ווען מ'פירט אַ פאַרמשפּטן צום טויט. מ'זאָגט אים ניט, אַז מ'נעמט אים צו דער תליה. מע גייט אַריין צו אים אין קאַמער און מע הייסט אים נעמען זיינע זאַכן. מע זאָגט אים, אַז מע וויל אים איבערזעצן אין אַן אַנדער קאַמער, און דאַן פירט מען אים אַוועק צו דער תליה.

און אָט עפנט זיך די טיר. מע רופט יאַנעקן. אָבער די זאַכן הייסט מען אים ניט נעמען. ביידע, יאַנעק און בערעלע, ווייסן, אַז זיי וועלן זיך שוין מער קיין מאָל ניט זען. זיי פאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז און הייבן זיך אָן צו קושן.

יאַנעק זאָגט צו בערעלען: „שרייב צו מיין געליבטער, צו מאַרוסיאַן, אַז איך גיי צום טויט מיט מוט, אַז אין דער לעצטער סעקונדע פון מיין לעבן, ווען די שטריק וועט הענגען אויף מיין האַלדז, וועל איך איר נאָמען דערמאָנען; איך וועל זי דערמאָנען מיט ליבשאַפט און מיט שטאָלץ."

יאַנעק גייט פון צימער אַרויס. די טיר פאַרמאַכט זיך און בערעלע בלייבט אַליין. ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו זיין געלעגער, זיך אַוועקגעלייגט און האָט זיך פונאַנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד. עס האָט אים פאַרשטיקט אין האַלדז, דאָס האַרץ האָט ביי אים כמעט ווי אויפגעהערט קלאַפּן, נאָר פון די אויגן האָבן זיך אָן אויפהער טרערן געגאָסן. אַזוי איז בערעלע געלעגן ער האָט אַליין ניט געוואוסט ווי לאַנג. און פּלוצלונג עפנט זיך צוריק די טיר און יאַנעק גייט אַריין! אַ גליקלעכער, אַ פריילעכער! ער פאַלט אַרויף אויף בערעלען און גיך־גיך, אַז מ'האָט אים קוים געקענט פאַרשטיין, אים אָנגעזאָגט די בשורה: מע האָט זיין טויטשטראָף פאַרביטן אויף פופצן יאָר קאַטאָרגע!

מע פאַלט פון דאָס ניי איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז. ביי ביידן גיסן זיך טרערן פון פרייד.

לאַנג האָט מען בערעלען מיט יאַנעקן אין דער טורמע ניט געהאַלטן; מען האָט זיי ביידן געשמידט אין קייטן און אַרויסגעשיקט אין באַזונדערע טורמעס.

בערעלען האָט מען אַוועקגעשיקט אין אָריאָל. אָריאָל געפינט זיך אין טיף רוסלאַנד. די אָריאָלער טורמע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טורמע פאַר קאַטאָרזשניקעס, ווייל די סיבירער קאַטאָרגע־טורמעס זיינען געווען איבערגעפּאַקט. בערעלע האָט געוואוסט, אַז די אָריאָלער טורמע איז אַ גיהנם פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע, אָבער וואָס האָט ער געקענט טאָן? אין אָריאָלער טורמע איז ער אָנגעקומען מיט נאָך צוואַנציק, אַלע יונגע בחורים, אַלע געשמידט אין קייטן. וואָס דערוואַרט זיי דאָ אין זייער נייער היים, אין דער קאַטאָרגע פון אָריאָל?

אָט עפענען זיך די טירן פון דער אָריאָלער טורמע. עס באַגעגענען זיי די וועכטער. די פּנימער בייזע. דער פירער פון די וועכטער איז אַ הויכער, אַן אויסגעצויגענער, מיט גרויסע וואָנצעס, מיט באַקנבערד. די ציין איינגעשטשעמעט. אַלע אַרעסטאַנטן פילן, אַז דאָ שטייט אַ גזלן.

די ערשטע זאַך פירט מען אַלעמען אין באָד אַריין. אין אַ גרויסן צימער שטייט אַ טישל, נעבן טישל זיצט דער שעף פון טורמע. עס זיינען אויסגעשטעלט צוויי רייען וועכטער, אָנגעלאָדן מיט ביקסן און מיט קאַנטשיקעס. מען גיט אַ קאָמאַנדע, אַז אַלע זאָלן זיך אויסטאָן, און שנעל! מיט מוראדיקער פלינקייט נעמט מען פון די אַרעסטאַנטן אַרונטער די קליידער.

דעם ערשטן רופט דער שעף אויס דעם יונגן בחור קלוטשינסקי, וואָס איז פאַרמשפּט אויף צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע. דער שעף פרעגט בייז זיין נאָמען. מיט זיינע האַסטיקע, כיטרע, בייזע אייגעלעך לויפט ער דורך די פּאַפּירן און טוט אַ געשריי: „נעמט אים!" און די וועכטער האָבן גענומען שלאָגן. ס'איז געווען שרעקלעך. אין דער גאַנצער מהומה האָט מען נאָר געהערט קלוטשינסקיס געשרייען. ס'האָט זיך פון אים געגאָסן בלוט. פאַרטיק געוואָרן מיט אים, האָט מען גענומען די אַנדערע. אַלע האָבן דורכגעמאַכט דאָס זעלבע.

בערעלע איז פון די קלעפּ און שמיץ געוואָרן באַוואוסטלאָז. און ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער זיך דערזען אַ פאַרבלוטיקטן אַליין אין קאַמער.

און עס איז אַוועק אַ לאַנגע טרויעריקע צייט.

אַלע טאָג פלעגט אין בערעלעס קאַמער אַריינגיין אַ וועכטער, דורכקוקן צי עס איז ריין אין קאַמער. אַלע טאָג האָט ער זיך צו עפּעס אַנדערש געטשעפּעט און האָט בערעלען ווידער געשלאָגן. פון צייט־צו־צייט פלעגן זיך צו בערעלען דערטראָגן פון אַנדערע קאַמערן געשרייען פון געפּייניקטע. יענע געשרייען האָבן בערעלען מער ווי געטאָן ווי די קלעפּ, וואָס ער פלעגט אַליין קריגן. אַזוי זיינען אַריבער דרייסיק טעג. נאָך דעם האָט מען בערעלען אַוועקגעפירט אין דער אַלגעמיינער טורמע, אין אַ קאַמער, וואו עס זיינען געזעסן זעכציק אַנדערע. אַלע טאָג פלעגט מען זיי פירן טאָן אַן אַנדער אַרבעט. דאָס לעבן אין אַלגעמיינעם קאַמער איז געווען אַ ביסל לייכטער. מ׳האָט אַזוי אָפט ניט געשלאָגן. אַלע האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם שרעקלעכן רעזשים פון דער טורמע.

איין מאָל איז בערעלע געגאַנגען מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן זעגן האָלץ. דאָס איז געווען אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג. דער שניי האָט באַדעקט די ערד, אָבער די זון האָט וואַרעם געלויכטן. מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַלע מאָל האָט בערעלע געאַרבעט איבער די כוחות צוליבן שרעק פאַר דעם וועכטער, ווייל אַלע וועכטער זיינען געווען בייזע, שטרענגע.

צווישן די וועכטער איז געווען איינער טימאָפיי ניקאָלאַיעוויטש, אַן עלטערער קריסט, מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד, ניט הויך געוואַקסן, מיט אַ גוטמוטיקן פּנים. יענעם טאָג האָט ער אויפגעפּאַסט אויף דער אַרבעט.

און דער אַלטער וועכטער זאָגט שטילערהייט צו בערעלען מיט אַ צאַרטער שטימע: „יאָג זיך ניט אַזוי, קינד מיינס, פאַר מיר דאַרפסט איר זיך ניט שרעקן, איך וועל אייך קיין בייז ניט טאָן. איך בין ניט קיין אַנטיקריסט, ניט קיין אוממענטש. די אַנדערע וועכטער זיינען בעסטיעס, זיי האָבן זייער גאָט פאַרלאָרן, זיי האָבן צום טייוול פאַרקויפט דאָס גוטע רוסישע האַרץ און נשמה. זיי טוען דאָס אויף דעם באַפעל פון די הויכע טורמע־באַאַמטע, גאָט וועט זיך נאָך מיט זיי אָפּרעכענען. שטאַרק זיך, מיין קינד!״

זיינע ווערטער האָבן בערעלען די נשמה דערהויבן. ער האָט אין דעם אַלטן וועכטער דערפילט אַ מענטשלעכן האַרץ. ניט איין מאָל, אין שפּעטערע ציַיטן, ווען מען האָט בערעלען געפּייניקט, ווען מען האָט אים געשלאָגן און אויף אים געשריען: „עקלהאַפטער ייד", האָט ער זיך דערמאָנט אָן די וואַרעמע מענטשלעכע ווערטער פון דעם אַלטן וועכטער, וואָס האָט געזאָגט: „שטאַרק זיך, מיין קינד. גאָט וועט זיך נאָך מיט זיי אָפּרעכענען".

די גאַנצע צייט וואָס בערעלע איז אין קאַטאָרגע גייט ער געשמידט אין קייטן. שוין צוויי יאָר ווי ער איז געשמידט אין די קייטן. די קייטן טראָגט ער אויף די פיס. ווען מען האָט בערעלען פאַרמשפּט צו פיר יאָר קאַטאָרגע, האָט אים דער אורטייל ניט געשראָקן. אָבער איין זאַך האָט אים יאָ געשראָקן — די קייטן. יעדער קאַטאָרזשניק ווערט געשמידט אין קייטן, סיידן ער איז קראַנק. בערעלע האָט נאָך אין דער ערשטער טורמע אָנגעהויבן ליידן אויף רעוומאַטיזם. פון די ווייטיקן אין זיינע פיס האָט ער שטאַרק געליטן. אָבער ווען מע האָט אים פאַרמשפּט צו קאַטאָרגע איז ער שוין געווען גליקלעך, וואָס ער איז קראַנק: מע וועט אים ניט אָנטאָן קיין קייטן!

איידער מע שמידט אין קייטן ווערט מען אונטערזוכט פון אַ מעדיצינישער קאָמיסיע. מע רופט בערעלען צו אַן אונטערזוכונג. עס זיצן דריי דאָקטוירים. מען פרעגט בערעלען צי ער איז קראַנק. ער זאָגט, אַז ער ליידט אויף רעוומאַטיזם שוין באַלד צוויי יאָר. פונדעסטוועגן באַשליסט מען, אַז ער קאָן טראָגן קייטן. ווען בערעלע הערט דעם באַשלוס גייט אַ קאַלטער סקרוך אַריבער זיין גאַנצן קערפּער. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אפשר געטענהט, געבעטן. אָבער ניט בערעלע!

ווי טייער איז איצט ביי בערעלען געווען יעדער שעה, יעדער טאָג וואָס ער איז נאָך געווען פריי אָן קייטן! נאָר אָט איז דער טאָג געקומען. מע האָט בערעלען אַרויסגערופן פון זיין קאַמער און אַרויסגעפירט אויפן הויף פון טורמע. דאָ איז געשטאַנען אַ שמיד מיט קייטן און מיט אַ האַמער און אַ קאָוואַדלע. אַז בערעלע האָט דערזען די קייטן איז אים געוואָרן זייער ביטער אויפן האַרצן, אָבער ער האָט זיך באַלד געשטאַרקט, טראַכטנדיק: דאָס איז דער גורל פון אַלע קעמפער פאַר פרייהייט.

עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן דאָס קלאַפּן פון דעם שמידס שווערן האַמער איבערן אייזן. ווען די אַרעסטאַנטן האָבן געהערט דעם קלאַנג, האָבן זיי שוין געוואוסט, אַז דאָס שמידט מען בערעלען אין קייטן.

ווען בערעלע איז צוריק אין קאַמער אַריין, איז ער שוין געווען באַרואיקט. די קייטן זיינען שוין געווען אויף זיינע פיס. אויף יעדער פוס אַן אייזערנער רינג, און פון די רינגען האָבן זיך געצויגן צוויי לאַנגע קייטן געפלאָכטן פון קליינע אייזערנע רינגעלעך, מיט אַ רימען, וואָס האָט אַרומגעבונדן זיין קערפּער ביים גאַרטל: ניין פונט האָט דאָס אַלץ געוואויגן! און מיט דער צייט האָט ער זיך אין זיי אַזוי איינגעלעבט, איז אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן צו זיי — ווי ער וואָלט אין זיין געבאָרן געוואָרן. און איין זאַך איז מאָדנע: בערעלע האָט ליב געהאַט מענטשן, אים פלעגט מער ווי טאָן, ווען מען פייניקט אַנדערע איידער ווי מע פייניקט אים אַליין. און דאָך האָט ער זיך אָפט מאָל געטרייסט מיט דעם וואָס דאָס לעבן פון אַנדערע איז געווען נאָך שווערער. אַזוי איז עס געווען איצט מיט די קייטן.

עס זיינען געזעסן מיט אים אין איין קאַמער די מאַטראָסן, וואָס האָבן געמאַכט דעם אויפשטאַנד אויף דער שיף „פּאָטיאָמקין" אויפן שוואַרצן ים, אין 1905. זיי זיינען פאַרמשפּט געווען אויף אייביקער קאַטאָרגע און זיינען דעריבער געשמידט אין קייטן סיי אויף די הענט און סיי אויף די פיס. ווען בערעלע פלעגט קוקן אויף די מאַטראָסן פלעגט ער טראַכטן: זיי איז דאָך נאָך ערגער. און דאָס פלעגט אים לייכטער מאַכן זיינע אייגענע קייטן.

די שווערסטע זאַך פאַר אַלע, וואָס האָבן געטראָגן קייטן, איז געווען דאָס אָנטאָן און אויסטאָן די קליידער. דאָס איז געווען אַ קונסט וואָס מען האָט געדאַרפט קענען! בערעלע האָט זיך די קונסט זייער גיך אויסגעלערנט און האָט נאָך צוגעטראַכט אייגנס, נייס און ער האָט די קונסט געלערנט די אַנדערע אויך. דערפאַר האָט ער געקראָגן אַ צונאָמען — „פּראָפעסאָר", ... פּראָפעסאָר פון קייטן.



מע שיקט בערעלען בויען די סיבירער אײַזנבאַן

אין דער אַמורער געגנט פֿון סיביר האָט די צאַרישע רעגירונג געבויט אַן אײַזנבאַן. די אײַזנבאַן איז געבויט געוואָרן פֿון קאַטאָרזשניקעס. יעדן חודש פֿלעגט מען פֿון די רוסישע טורמעס שיקן קיין אַמור הונדערטער אַרעסטאַנטן צו בויען די אײַזנבאַן. די קאַטאָרזשניקעס האָבן געוואוסט, אַז די וואָס גייען קיין אַמור גייען אויף אַ זיכערן טויט. דאָס לעבן פֿון אַן אַרעסטאַנט איז דאָרטן ווייניקער ווערט געווען ווי דאָס לעבן פֿון אַ הונט. בערעלע האָט געוואוסט, אַז די אַרעסטאַנטן אַרבעטן דאָרטן שווער, זיי ווערן בײַ דער אַרבעט געשמיסן מיט דער בײַטש. אַן אומצופֿרידענער קוק, אָפּט מאָל נאָר אַ שווערער קרעכץ, און דער בײַזער, אָפּט מאָל שיכורער וועכטער קען דעם אַרעסטאַנט אַרײַנשיסן אַ קויל אין קאָפּ.

ס׳קומט אָן אַ באַפֿעל אין אָריאָלער טורמע פֿון דאָרטן צו שיקן אויף דער אַמורער אײַזנבאַן הונדערט אַרעסטאַנטן. מען קלײַבט אויס די שטאַרקסטע. זעלטן ווען עס ווערן אַהין געשיקט ייִדן. נאָר בערעלען האָט מען אויסגעקליבן צו שיקן קיין אַמור, ניט דערפֿאַר ווײַל ער איז געווען אַזוי שטאַרק, נאָר ווײַל ער איז געווען אַ שנײַדער. מען האָט זיך דאָרט גענייטיקט אין שנײַדער.

ווען מען וואָלט בערעלען געשיקט ערגעץ אין אַן אַנדער טורמע וואָלט ער געווען גליקלעך. אָבער קיין אַמור!

איצט האָט בערעלע געפֿילט, אַז דאָס איז שוין דער סוף פֿון זײַן לעבן.

און אָט זײַנען שוין אַלע הונדערט אַרעסטאַנטן אויסגעשטעלט אויפֿן הויף פֿון טורמע. דער אָפֿיצער לייענט דורך די פּאַפּירן, רופֿט אויס די נע־

מען. אַלע שטעלן זיך, פּיר אין אַ שורה. עס עפענען זיך די טויערן פון טורמע און מען גייט. יעדער אַרעסטאַנט טראָגט אַ טאָרבע אויף זיינע פּלייצעס. אין טאָרבע ליגט אַ שטיקל ברויט, אַ טשייניק פאַר וואַרעם וואַסער, אַ בלעכן קריגעלע, אַ הילצערנער לעפל. דאָס איז דאָס גאַנצע פאַרמעגן. די אַרעסטאַנטן גייען איבער די גאַסן פון אָריאָל, די קייטן אויף די פיס קלינגען, דער קלאַנג גיסט זיך צונויף אין אַ מין שרעקלעכן אָרקעסטער. עס איז דער אָרקעסטער פון מענטשלעכע פּיין און ליידן.

אויף איין גאַס שטעלט זיך אָפּ אַ מענטש, טוט אויף די אַרעסטאַנטן אַ קוק און שפּייט אויס מיט פאַראַכטונג.

בערעלע איז פון דעם שפּיי שטאַרק באַליידיקט געוואָרן. ער האָט געטראַכט: „אָט פאַר די מענטשן האָב איך דאָך געקעמפט און געליטן!" מיט פינצטערע מחשבות איז ער ווייטער געגאַנגען.

אָט איז מען שוין נעבן דער סטאַנציע. מען שטעלט זיך אָפּ. ניט ווייט פון די אַרעסטאַנטן שטעלט זיך אָפּ אַן אַלטיטשקע גויע, איינגעבויגן, אין אַלטע אָפּגעריבענע פּויערשע קליידער, און מיט אַ טרויעריקן קול זאָגט זי: „קינדערלעך מיינע, מאַרטירער טייערע, זאָל אייך גאָט שטאַרקן, געבן כּוח דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן". פון אירע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן און זי האָט דעם סאָלדאַט, וואָס האָט זיי געפירט, געגעבן צען קאָפּיקעס ער זאָל פאַר די אַרעסטאַנטן עפּעס קויפן.

דאָס האָט בערעלען שטאַרק גערירט, און ער האָט צו זיך געזאָגט: ניין, ניט נאָך דעם שפּיי פון יענעם גוי דאַרף מען אָפּשאַצן די אמתע רוסישע נשמה, נאָר נאָך די הייסע טרערן פון דער אַלטינקער. די באַלעבאַטים פון דעם גרויסן רוסלאַנד וועלן ווערן יענע מענטשן, וואָס טראָגן אין זייער האַרצן ליבשאַפט צו ליידנדיקע, וואָס האָבן וואַרעמע, איידעלע נשמות. מען דאַרף נאָר האָבן געדולד.

אַלע האָבן זיך שוין אויסגעזעצט אין אַרעסטאַנטן־וואַגאָן. עס קלינגט שוין דאָס דריטע גלעקל. דער צוג הייבט אָן צו גיין.

עס טראָגט זיך דער צוג דורך פעלד און וואַלד, דורך שטאָט און דאָרף. בערעלע קוקט דורכן פענצטער, קוקט אויף די פאַרזייטע פעלדער, אויף די פּויערים, וואָס אַרבעטן אויף די ברייט צעלייגטע פליינען. וואָס ווייטער

עס טראָגט זיך דער צוג, אַלץ אומעדיקער ווערט בערעלען. ער פילט אַז ער מיט אַלע אַנדערע אַרעסטאַנטן ווערן געפירט צו נאָך אַ טיפערן אָפּגרונט, צו אַ שנעלערן סוף. און אין געדאַנק הייבט ער שוין אָן אפילו זיך גרייטן צום טויט. אָבער פאַר וואָס האָט דאָס מזל ניט אַנדערש געוואָלט, אַז ער, בערעלע, זאָל ענדיקן זיין לעבן דווקא אין דיווילדע וועלדער פון אַמור? דאָרטן וועט אפילו ניט זיין קיין נאָנטער מענטש, וואָס זאָל שטיין נעבן אים, אים אַ טרייסטוואָרט זאָגן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ליד פון דוד עדעלשטאַט:

אָ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר די פרייע פאָן,
די פרייע פאָן מיט די רויטע פאַרבן
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן.

אין וואַלד, ביי די פאַרזאַמלונגען פון „בונד" אָדער אין טורמע, האָט דאָס ליד פאַר אים געקלונגען שיין, האָט פאַרכאַפּט דאָס האַרץ, האָט אים מונטער און שטאַרקער געמאַכט. אָבער איצט, אויף די סיבירער וועגן, האָט עס ביי אים אַרויסגערופן אַ טרויער־געפיל. ווער וועט איצט וויסן וואו זיין קבר איז? ניט נאָר וועלן זיינע פריינד און חברים צו זיין קבר ניט קומען, אפילו זיין טייערע מאַמע וועט ניט וויסן און וועט ניט קענען קומען פאַרגיסן אַ טרער אויפן קבר פון איר זון, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט און וואָס זי האָט אַזוי פיל האָפענונג געלייגט אויף אים.

בערעלע פאָרט שוין פיר טעג. ער האָט שוין פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו קוקן דורכן פענצטער. דער צוג פאָרט אַריין אין די ריזיק־הויכע אוראַלער בערג. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט בערעלע דעריזען אַזאַ וואונדערלעך נאַטור־בילד. ער אַליין איז אויסגעוואַקסן אויף דער פלאַכער לאַנדשאַפט פון ווייס־רוסלאַנד. אין די געגנטן אין וועלכע ער איז ביז איצט געווען האָט ער ערגעץ ניט געזען אַזאַ נאַטור־וואונדער. די באַן גייט צווישן די אוראַלער בערג זייער פּאַמעלעך. אָט איז זי אויף אַ שפּיץ באַרג. אונטן — אַ שרעקלעך טיפער טאָל, אַן אָפּגרונט. אָט פאַרקירעוועט זיך די באַן אין טיפן טאָל

און אין דער הייך, — אַ ריזיקער שפּיציקער באַרג, וואָס שפּאַרט אונטער דעם הימל. אין די בערג האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען דעם גוואַלטיקן כוח פון דער נאַטור. יעדער באַרג, יעדער טאָל — אַ ניי בילד, אַ נייער וואונדער. בערעלע האָט שוין ניט איין מאָל אין זיינע היימישע וועלדער, אויף זיינע היימישע פעלדער געזען אַ זון־אויפגאַנג און אונטערגאַנג. גאַנץ אַנדערש איז אָבער אין די בערג פון אוראַל. אָט איז די זון אונטערגעגאַנגען, אַ רויטע, אַ גליענדיקע, הינטערן הויכן שפּיציקן באַרג, און אין עטלעכע מינוט אַרום קייקלט זיך די באַן אַרויס פון דעם טאָל און די זון גליט פון דאָס ניי, מיט נייע קאָלירן, נייע פאַרבן.

צוויי טעג האָט זיך די באַן געוויקלט אין די אוראַלער בערג. און בערעלע האָט שוין פאַרגעסן אָן זיין גאַנצן שווערן לעבן. ס'איז פאַרשוואונדן דער שווערער געמיט, ער האָט אפילו ניט געהערט דעם קלאַנג פון זיינע קייטן. ווען זיי זיינען שוין אַריינגעפאָרן אין סיביר איז בערעלע ווידער איבערראַשט געוואָרן פון דער ווילדער, אָבער וואונדער־שיינער סיבירער נאַטור.

צוועלף טעג איז מען אַזוי געפאָרן, טאָג און נאַכט זיצנדיק אויף איין פּלאַץ. די לופט אַ פאַרשטיקטע. דאָס עסן אָרעם. פון דער שווערער רייזע איז בערעלע קראַנק געוואָרן.

אין אירקוטסק, אין דער קרוינשטאָט פון סיביר, לייגט מען אים אַוועק אין שפּיטאָל פון דער טורמע. די גרופּע אַרעסטאַנטן פאָרט ווייטער.

בערעלע ווערט געזונט, נאָר וואונדער איבער וואונדער, מען קען אים אין אַמור ניט שיקן! עס גייען ניט דורך קיין פאַרטיעס אַרעסטאַנטן! אָנשטאָט אַמור שיקט מען אים אַרויס אין אַלעקסאַנדראָווער טורמע.

אין דער נייער טורמע איז דאָס לעבן פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַ סך בעסער ווי אין אַנדערע טורמעס. דער שעף איז אַ גוטמוטיקער מענטש. ער האָט פאַר די „פּאָליטישע" אַ סך דרך־ארץ. דאָ באַגעגנט ער זיך פון דאָס ניי מיט אָנגעזעענע אַרעסטירטע סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען. עס זיינען דאָ פאַראַן די בעסטע ביכער צום לייענען, עס ווערן אין די קאַמערן געהאַלטן וויכטיקע רעפעראַטן. בערעלע ווערט אָפּגעפרישט, עס קומט צו אים צוריק דער אַמאָליקער מוט.

פאַרשיקט אויף אייביק

צוויי יאָר איז בערעלע געזעסן אין דער קאַטאָרגע־טורמע פון אַלעקסאַנדראָווסק. זיין טורמע־שטראָף האָט זיך פאַרענדיקט. און איצט לויט די געזעצן פון צאַרישן רוסלאַנד דאַרף ער אויף אייביק פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. די פּאָליטישע פאַרשיקטע פלעגט מען אַלע מאָל שיקן אין די ווייטע פאַרוואָרפענע געגנטן, ווייט פון אייזנבאַנען, כדי זיי זאָלן לייכט ניט קענען אַנטלויפן.

אונטער דער וואַך פון סאָלדאַטן, מיט צענדליקער אַנדערע פּאָליטישע פאַרשיקטע, מענער און פרויען, האָט מען בערעלען געדאַרפט אַוועקפירן זעקס הונדערט מייל ווייט פון אַן אייזנבאַן, אין אַ קליין דערפעלע פון סיביר. הונדערטער מיילן האָבן זיי געדאַפט גיין צו פוס. אין די זומערדיקע הייסע טעג האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע ריי פון פאַרשיקטע אין ווייטן סיביר. אויסגעמאַטערט פון גיין צו פוס, פלעגן זיי זיך אָפט מאָל ביינאַכט אויסלייגן אויפן פרייען פעלד; איבערשלאָפן די נאַכט, אַ ביסל זיך אויסרוען, כדי מאָרגן צו קענען גיין ווייטער און ווייטער. כאָטש זיי זיינען געגאַנגען אַהין, וואו זיי האָבן געדאַרפט זיין פריי, דאָך האָט זיי די וואַך שטרענג געהיט.

נאָך אַ סך טעג וואנדערונג זיינען זיי דערגאַנגען צו דעם וואונדערלעך־שיינעם טייך לענאַ. קיין שיפן אויפן טייך זיינען ניט געגאַנגען. פון גרויסע לאַנגע קלעצער האָט מען געמאַכט אַ פּליט. דער פּליט האָט זיך אַליין אויפן וואַסער געהאַלטן. מען האָט אים געמאַכט אַזוי, אַז אַ פּאָר מענטשן זאָלן דעם פּליט קענען קירעווען וואוהין זיי ווילן. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אויפן פּליט אויסגעזעצט און מען האָט אים געפירט אין דער ריכטונג צו יענעם דערפל וואו די אַרעסטאַנטן האָבן געדאַרפט פאַרבלייבן.

בערעלע איז נאָך קיין מאָל אַזוי אויף אַ טייך ניט געפאָרן. ער האָט זיך איצט דערמאָנט דעם טייך אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער איז אַמאָל געווען טעטיק אין „בונד": ווי די בונדיסטן פלעגן שבת נאָך מיטאָג אַוועקזעצן זיך אויף שיפלעך און אַוועקפאָרן ווייט אויפן טייך, ווי זיי פלעגן אַרונטערגיין אין גרויסן וואַלד און האַלטן פאַרזאַמלונגען. יענע שיפלעך זיינען געווען פאַר דריי אָדער פאַר פיר מענטשן. פריילעכע, זינגענדיק רעוואָלוציאָנערע לידער, זיינען זיי אויפן טייך אַרומגעפאָרן; זיי האָבן געחלומט וועגן אַ פריי רוסלאַנד. און איצט, אויפן טייך לענאַ, וויט־ווייט פון זיין היים, ליגט ער אויסגעצויגן מיט צענדלינגער אַנדערע, באַוואַכט פון זעלנער, און פאָרט אין אַ דאָרף אַן אומבאַקאַנט. ער ווייס ניט וואָס אים דערוואַרט דאָרטן; ער ווייס ניט צי ער וועט ווען עס איז פון דאָרטן קענען קומען צוריק אַהיים, צו זיינע חברים מיט וועלכע ער האָט געלעבט צוזאַמען, געקעמפט און געחלומט צוזאַמען; צו זיין טאַטע־מאַמע, וועלכע ער האָט איצט אין טורמע נאָך שטאַרקער ליב געקראָגן און אַזוי געבענקט נאָך זיי.

אין די אומעטיקע טעג פון זיין טורמע־לעבן פלעגט בערעלע אַ מאָל אַ טראַכט טאָן: אַך, ווען ער קען כאָטש נאָך איין מאָל אַ קוק טאָן אויף טאַטע־מאַמע, פאַלן אויף זייערע העלדזער און זיי קושן, קושן און דריקן צו זיך, אים וואָלט שוין ניט געאַרט, ווען זיין לעבן זאָל זיך דעמאָלט אין גאַנצן ענדיקן. אַזוינע מחשבות זיינען צו אים אויך געקומען, ווען ער איז געזעסן אויפן פליט וואָס איז אויפן וואַסער געשוואומען. די וואונדער־שיינע לאַנדשאַפט, וואָס האָט דעם טייך לענאַ אַרומגערינגלט האָט גיך פאַרטריבן זיינע טרויעריקע מחשבות. דער הויכער סאָסנאָווער וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף, די גלייכע שפּיציקע ביימער האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַן אַנדער שטימונג. אַ שטילע פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים באַרואיקט זיין באַדריקט געמיט.

פינף טעג און פינף נעכט איז מען מיטן טייך געפאָרן, ביז וואַנען מען איז צוגעפאָרן צו דעם דערפל, וואָס איז פון דער מאַכט אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז דאָ דאַרף זיין בערעלעס אייביקע היים.

ווען מען איז געקומען אין דאָרף, האָבן די וועכטער איבערגעגעבן אַלע פאַפירן דעם דאָרפישן פּאָליציאַנט. ער האָט אויסגערופן אַלע אַרעסטאַנטן

לויט די נעמען און האָט יעדער איינציקן געזאָגט, אַז פון היינט אָן און ווײַ־טער זיינען זיי פריי. זיי ווען אָבער פון דעם דאָרף ניט טאָרן אַנטלויפן.

דאָס ערשטע מאָל, נאָך זעקס יאָר צייט אין טורמע, האָט בערעלע דער־פילט דעם טעם פון פרייהייט. ער האָט געקאָנט גיין וואוהין ער האָט גע־וואָלט, ער האָט געקענט שלאָפן ווי לאַנג ער האָט געוואָלט און עסן ווען ער האָט געוואָלט. כאָטש דאָס דאָרף איז געווען קליין, איז ער עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד געגאַנגען איבער די פּאָר דאָרפישע גאַסן. ער פלעגט זיך אָפט מאָל פאַרקירעווען אין אַ גאַס, ניט וויסנדיק אַליין פאַר וואָס. אפשר האָט ער מיט דעם געוואָלט אויספּרוּווּן צי ער איז אין דער אמתן פריי, צי ער קען טאַקע גיין אַהין, וואוהין עס פאַלט אים צופעליק איין.

טעג זיינען אַריבער, ביז וואַנען בערעלע האָט זיך אָנגעזאַפּט מיטן גליקלעכן געפיל פון זיין פריי. דערנאָך איז עס געוואָרן ביי אים אַ נאַטיר־לעכע זאַך. ער האָט זיך שוין כמעט פאַרגעסן אָן דעם, אַז ער איז געווען אַרעסטירט, געווען פאַרשלאָסן אין אַ קאַמער, האָט געקענט אַרויסגיין פון קאַמער, נאָר דעמאָלט ווען דער וועכטער האָט די טיר אויפגעשלאָסן.

אָבער גיך איז אים דאָס לעבן אין דאָרף ענג געוואָרן. נאָך אַ מאָל גיין איבער די פּאָר גאַסן, באַגעגענען די זעלבע מענטשן, די זעלבע פּנימער, פרעמדע, פאַרהאַרטעוועטע פון דער סיבירער נאַטור. האָט ער גענומען זוכן נייע וועגן ווי אַזוי דעם שטח פון דעם דאָרף ברייטער און גרעסער צו מאַכן.

די איינוואוינער פון די סיבירער דערפער האָבן זיך פאַרנומען מיט געיעג און פיש־כאַפּעריי. זיי פלעגן פאַרלאָזן דאָס דאָרף אויף עטלעכע טעג, פלעגן אַוועקגיין אין געדיכטן וואַלד מיט ביקסן אויף די פּלייצעס צו שיסן ווילדע חיות, כדי זיי זאָלן קאָנען עסן דאָס פלייש און נוצן די פעלן אויף צו פאַרקויפן. בערעלע האָט געקויפט אַ ביקס און האָט אויך אָנגעהויבן צו גיין אויף געיעג. מיט אַ צווייטן חבר, אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטן, פלעגט ער מיט דער דערלויבעניש פון פּאָליציאַנט אַוועקגיין אין וויטן וואַלד אויף עטלעכע טעג, שיסן ווילדע ענטלעך און גענדז. בערעלען איז עס זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט פון דעם אמת הנאה געהאַט. יעדער טאָג פלעגט ער זען ווי עס קומען אויף נייע פלעצער גאַנצע שאַרן גענדז, ענטלעך און ווילדע טויבן. זיצנדיק באַהאַלטן אונטער אַ בוים, פלעגט ער טשאַטעווען,

אַפּוואַרטן אויפֿן פּאַסיקן מאָמענט, זיך צילעווען און אויסשיסן פֿון זיין ביקס אין די פֿייגל.

בערעלע איז געגאַנגען אויף געיעג ניט נאָר צוליב דעם ווייל ער האָט געדאַרפֿט האָבן דאָס פֿלייש אויף צום עסן. פֿאַר אים איז עס אויך געווען אַ צייטפֿאַרטרייב.

אָפֿט זיצנדיק אַזוי אין וואַלד און וואַרטנדיק ביז וואַנען עס קומען צו פֿליען די פֿאַרשיידענע פֿייגל, פֿלעגט בערעלע טראַכטן פֿון זיין פֿאַרגאַנגענ־הייט. ער פֿלעגט זיך דערמאָנען אָן זיין אָרעם שטעטעלע, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, ווען ער האָט געלערנט ביי אברהמל דעם מלמד, ווען ער האָט מורא געהאַט אין זיין שטעטל דורכצוגיין די גויאישע גאַס, ווייל די גויאישע קינדער פֿלעגן וואַרפֿן מיט שטיינער אויף די יידישע און פֿלעגן אָנרייצן די בייזע הינט. ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין שטאָט, וואו די מאַמע האָט אים אוועקגעגעבן לערנען אין תלמוד־תורה, וואו ער האָט געגעסן טעג און איז געשלאָפֿן אין קלויז. ער דערמאָנט זיך אויך אָן דער בייזער זלאַטע, דער פֿרוי פֿון חיים דעם שניי־דער, ביי וועמען ער איז געווען אַ לערן־ייִנגל, און פֿאַרגלייכט דאָס מיט זיין היינטיקן לעבן. ער האָט היינט ניט קיין מורא צו ליגן אונטער אַ בוים פֿון ווייטן, ווילדן סיבירער וואַלד, מיט אַ ביקס אין האַנט, און שיסט אויף יענע שאַרן געענדז און ענטלעך וועלכע זיינען אין די סיבירער וועלדער דאָ אין די מיליאָנען. און לעבן אים ליגט שטיל צוגעטוליעט, מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן, זיין אייגענער הונט זשוק.

ווען בערעלע איז געקומען אין דעם סיבירער דאָרף, אַן איינזאַמער, אָן פֿריינד, האָט ער גענומען האָדעווען אַ קליין הינטעלע. דאָס הינטעלע איז גיך אויסגעוואַקסן. ער האָט קיין מאָל בערעלען ניט פֿאַרלאָזן. בערעלע האָט אפֿילו ליב געהאַט מיטן הונט צו שלאָפֿן. די פֿריינדשאַפֿט און די אי־בערגעגעבנקייט פֿון הינטל צו בערעלען האָט אָפֿט מאָל פֿאַרטריבן בערעלעס אומעט. ער האָט זיך אָפֿט מאָל פֿאַרגעסן אָן זיין איינזאַמקייט. ווען נאָר בערעלע איז געגאַנגען אין וואַלד אויף געיעג, איז מיט אים דער הונט מיט־געגאַנגען. דער הונט איז שוין געווען אַ גרויסער, מיט אַ פּאָר לאַנגע אויערן, מיט שוואַרצע קלוגע אויגן. דער הונט איז שטענדיק געלאָפֿן אַפֿריער, אויס־

צוגעפינען דעם וועג אין וואַלד, דורך וועלכן בערעלע האָט געדאַרפט גיין מיט זיין חבר. אַז דער הונט פלעגט מיט זיין נאָז דערשמעקן, אַז ערגעץ ניט ווייט געפינט זיך אַ וואָלף אָדער אַ בער, פלעגט ער אָנהייבן שרעקלעך צו בילן. מיט זיין געבילעריי האָט ער ניט איין מאָל פאַרטריבן די ווילדסטע חיות וועלכע האָבן זיך געפונען ניט ווייט פון בערעלען און זיין חבר.

ווען דער הונט פלעגט אויפהערן צו בילן, ווען ער פלעגט מיט זיין נאָז דערשמעקן, אַז די געפערלעכע חיה איז ווייט פון זיי, פלעגט ער זיך אומקערן צוריק צו בערעלען און מיט פרייִלעכע אויגן, זיך לאַשטשען מיט זיין מאָרדע, דרייענדיק פאַר פרייד מיט זיין עק, שפּרינגען אויף בערעלען און לעקן זיין פּנים.

בערעלע האָט געפילט, אַז מיט זשוקן זיין הונט קען ער גיין אויף אַלע געפערלעכע וועגן. ווען זשוק איז מיט אים איז זיין לעבן אויסער געפאַר. און ער האָט זשוקן ליב געהאַט. ער האָט אין זשוקן אַלע מאָל געזען די איבערגעגעבענע גאָטס באַשעפעניש, וואָס איז אים אין גאַנצן געטריי. בערעלע האָט געוואוסט, אַז אויך זשוק פילט די געטרייִשאַפט פון זיין באַלעבאָס צו אים.

אַזוי איז פאַרביי אַ יאָר. דאָס גיין אויף געיעג איז שוין אויך נמאס געוואָרן. בערעלע האָט ווייטער זיך פאַרבענקט נאָך זיין היים. ס'האָבן אים גענומען עגבערן געדאַנקען, אַז ער זאָל אַנטלויפן. און זיין האַרץ האָט גענומען נאָגן פון בענקשאַפט צו יענער ערד אויף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, צו זיין גרויער, ווייס־רוסישער ערד, וואָס איז דוכט זיך אַזוי אָרעם אין שיינקייטן, אָבער דאָס איז ז י י ן ערד, און דערפאַר האָט ער זי אַזוי ליב. דאָרטן, אויף יענער ערד, געפינען זיך זיין טאַטע־מאַמע; דאָרטן געפינען זיך זיינע חברים; דאָרטן איז אויך כאַשקע די שניידערקע, וואָס ער האָט זי אַמאָל אַזוי ליב געהאַט און וואָס מאַטערט זיך אפשר אויך אין בענקשאַפט נאָך אים.

עס האָט אים געעגבערט אין מוח, אַז ער דאַרף אַנטלויפן. דאָס געפיל האָט אים אין גאַנצן פאַרכאַפּט און דער פעסטער באַשלוס איז געקומען — אַנטלויפן! אָבער ווי אַזוי לויפט מען? זעקס הונדערט מייל איז מען פון

אַן אײַזנבאַן! און ווען ער וועט שוין זײַן בײַם אײַזנבאַן דאַרף ער פאָרן דרײַ טויזנט מײַל מיטן אײַזנבאַן, כדי צו קומען אין דער געגנט, נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי; מיט וועלכער עס זײַנען פאַרבונדן אַלע פעדעם פון זײַן האַרץ און זײַן נשמה. וואו נעמט מען געלט? שרײַבן צום טאַטן? וואו וועט ער, דער אָרעמער טאַטע, וואָס האָט ניט גענוג אויף ברויט, וואו וועט ער נעמען אים צו שיקן געלט? בערעלע האָט זיך דערמאָנט אָן זײַנע אַמאָליקע נאָענטע חברים. אַנדערע פון זיי זײַנען געווען אין אַמעריקע, און בערעלע האָט באַשלאָסן צו שרײַבן צו די חברים קיין אַמעריקע, אַז מען זאָל אים שיקן געלט, כדי פון סיביר צו אַנטלויפן.

חדשים האָט געדויערט, ביז וואַנען די חברים פון אַמעריקע האָבן אויף זײַן בריוו געענטפערט און אים צוגעשיקט גענוג געלט אויף צו אַנטלויפן.

בערעלע נעמט זיך אויסצואַרבעטן פלענער ווי אַזוי צו אַנטלויפן. שווערע און געפערלעכע פלענער זײַנען דאָס געווען. בערעלעס פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון סיביר איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אים האָט קיין שום געפאַר ניט געשראָקן.

בערעלע הייבט אָן אויסצופאָרשן די לײַכטסטע וועגן דורך וועלכע ער זאָל אַנטלויפן. אפילו זײַנע נאָענטסטע חברים ווייסן ניט פון דעם. אָבער אין גאַנצן קען ער דעם פלאַן אַליין ניט אויסאַרבעטן, האָט ער דעם פלאַן אָנפאַרטרויט זײַן נאָענטסטן פרײַנד, יעפימען. בײדע האָבן אויסגעאַרבעט דעם פלאַן, אַז בערעלע זאָל גיין אויף דעם וועג צו דעם טײַך אַנגאַרא, פון וואַנען עס גייט אָפּ אַ שיף צו אַ גרויסן סיבירער דאָרף, וואו עס איז דאָ אַן אײַזנבאַן־סטאַנציע. הונדערט און פופציק מײַל מוז מען גיין צו פוס ביז צו אַנגאַרא. פון דאָרטן קומען צום דאָרף דאַרף געדויערן פון פינף ביז זעקס טעג. אָבער וואָס טוט מען אַז דער פאָליציאַנט זאָל זיך ניט כאַפּן, אַז בערעלע איז פון דאָרף פאַרשוואונדן? בערעלע איז אַוועקגעגאַנגען צו דעם פאָליציאַנט און האָט אים אײַנגעלאַדן צו גיין אויף אַ פאָר טעג אין וואַלד אויף געיעג. זיי זײַנען שוין עטלעכע מאָל געגאַנגען בײדע צוזאַמען אויף געיעג. בערעלע האָט פריער געוואוסט, אַז דער פאָליציאַנט וועט פון דאָרף אויף עטלעכע טעג ניט אַוועקגיין, האָט ער געוואָלט, אַז ווען ער וועט פאַרשוואונדן ווערן פון דאָרף זאָל דער פאָליציאַנט מיינען, אַז דאָס איז בערעלע

אַוועק אויף געיעג. ווען בערעלע איז צום פּאָליציאַנט געקומען מיטן ביקס אונטערן אָרעם, מיט זיין הונט זשוקן ביי דער זייט און האָט געבעטן דעם פּאָליציאַנט, אַז ער זאָל מיט אים מיטגיין אויף געיעג אויף פינף טעג צייט, האָט זיך דער פּאָליציאַנט אָפּגעזאָגט. דער פּאָליציאַנט האָט גענומען איי־בערצייגן בערעלען, אַז ס'איז אַ געפאַר אַוועקצוגיין אין וואַלד אויף פינף טעג. אָבער בערעלע איז געווען איינגעשפּאַרט, און אַוועקגייענדיק פון פּאָליציאַנט, האָט ער אים געגעבן די האַנט. דער פּאָליציאַנט האָט אים גוטמוטיק געוואָרנט: „זיי פאָרזיכטיק, דיך וועלן ווען עס איז אין וואַלד וועלף אויפעסן און קיינער וועט ניט וויסן וואו דיין געביין איז אַהינגע־קומען."

ווען בערעלע איז אַרויס פון פּאָליציאַנט, האָט זיין פריינד יעפים אויף אים געוואַרט. ער האָט וועגן דעם גאַנצן געשפּרעך מיטן פּאָליציאַנט דער־ציילט יעפימען. זיי האָבן ביידע באַשלאָסן, אַז טאַקע שוין דאַרף ער זיך לאָזן אין וועג אַריין. יעפים און דער הונט זשוק וועלן מיט אים גיין אַזוי וויט הינטערן שטאָט ווי עס איז נאָר מעגלעך, און ווען די זון וועט אָנהייבן אונטערגיין, זאָל יעפים נעמען דעם הונט אויף אַ שטריקל און די ביקס און זיך אומקערן צוריק אין דאָרף; האַלטן דעם הונט פאַרשפּאַרט ביי זיך אין הויז אויף פינף־זעקס טעג, ביז ער וועט צוקומען צו דעם טייך אנגארא.

אָט זיינען זיי שוין הינטערן שטאָט. דער הונט לויפט אַ פריילעכער פאָרויס. ער פילט ניט, אַז באַלד וועלן זיי זיך ביידע דאַרפן אויף אייביק צעשיידן; אַז זייער פריינדשאַפט וועט דאַרפן איבערגעריסן ווערן, אַז זיין באַלעבאָס וועט אין זיינע קלוגע, שוואַרצע אויגן מער קיין מאָל ניט קוקן; אַז ער וועט זיך מער צו זיין באַלעבאָס ניט קענען לאַשטשען.

דער טאָג איז אַ הייסער. בערעלע און יעפים גייען איבער די פאַר־וואָרלאָזטע שמאָלינקע שטעגעלעך פון די סיבירער סטעפּעס, וואָס זיינען פול מיט מיקן און בייסיקע פליגעלעך. די סיבירער זון ברענט ווי אַ גליאיק פייער. מיט הייסן שווייס זיינען באַגאָסן זייערע לייבער, זיי האָבן שטיל גערעדט צווישן זיך ווי אַזוי אויסצומיידן אַלע געפאַרן אויף דעם לאַנגן וועג אויף וועלכן בערעלע האָט זיך איצט געלאָזט גיין.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. בערעלע מיט יעפימען האָבן זיך אָפּ־געשטעלט. יעפים האָט אַרויסגענומען אַ שטריק און אָנגעטאָן זשוקן אויפן

האַלדז. זשוק האָט גלייך דערפילט, אַז עס קומט פּאַר עפּעס אויסערגעוויינ־לעכס און געפּערלעכס פּאַר אים. ווען דער שטריק איז שוין געווען אָנ־געבונדן אויף זשוקס האַלדז, האָט בערעלע יעפּימען איבערגעגעבן די ביקס און זיך מיט אים געזעגנט. יעפּים און בערעלע זיינען עטלעכע מינוטן גע־שטאַנען אַרומגענומען און שטומע זיך געקוקט אין די אויגן. נאָך דעם האָט זיך בערעלע גענומען געזעגענען מיטן הונט. דער הונט האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף אים און גענומען לעקן זיין פּנים, זיינע הענט און זיינע קליידער. זשוק האָט אַוועקגעלייגט זיינע לאַפּעס אויף בערעלעס אַקסלען און זיך הויך וויינענדיק צעוואיעט. אין בערעלעס אויגן זיינען געשטאַנען פּאַר־גליווערטע טרערן, זיינע ליפּן האָבן געציטערט. בערעלע האָט זיך אַ ריס געטאָן און מיט האַסטיקע טריט גענומען שפּאַנען ניט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק.

בערעלע איז ניט געגאַנגען נאָר געלאָפן. ער האָט מיט אימפּעט זיך געטראָגן איבער דעם שמאָלן שליאַך. ער האָט געוואָלט מיט זיין האַסטיקן גיין פאַרטרייבן זיין אייגענעם אומעט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַנט־לויפן כדי ניט צו הערן דעם וואיענדיקן קול פון זיין הונט־חבר זשוק.



בערעלע אַנטלויפט פון סיביר

אויף די פאַרלאָזענע סיבירער שטעגעלעך שטייט אַלע דרייסיק אָדער פערציק מייל אין מיטן וואַלד אַ הויז, אַ קליינס, אָן פענצטער, מיט אַ טיר אריינצוגיין. דאָס האָבן די סיבירער איינוואוינער די הייזקעס געבויט, אַז ווען זיי קומט אויס צו גיין פון איין ווייטן דאָרף אין צווייטן, זאָלן זיי ביינאַכט האָבן וואו איבערצושלאָפן; און ניט איינע פון די הייזקעס האָט געגעבן אַ נאַכטיקע היים פאַר די טויזנטער פּאָליטישע פאַרשיקטע, וואָס זיינען צוריק צו זייער היימאָרט געלאָפן.

עס איז שוין געווען גוט פינצטער ווען בערעלע איז צו איינעם פון די הייזקעס צוגעקומען. די שטילקייט פון וואַלד האָט אויף אים אַן אימה אַרויפגעוואָרפן. ער האָט אין הייזקע פונאַנדערגעלייגט אַ פייער. ער איז אַרונטערגעגאַנגען צום טייכל, אָנגענומען אַ טשייניק וואַסער און אַוועקגעשטעלט אָפּקאָכן טיי. ווען ער איז געזעסן ביים פייער אין דער נאַכטיקער איינזאַמקייט פון סיבירער וואַלד, זיינען שרעקלעכע געדאַנקען דורכגעלאָפן דורך זיין מוח. אַליין, ניט באַוואָפנטערהייט, זיצט ער דאָ. אַ בער, אַ וואָלף אָדער אַן אַנדער ווילדע חיה קען איינס און צוויי מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן. בערעלע וויל זיך פון די שוואַרצע געדאַנקען באַפרייען. ער פּרואווט איינשלאָפן לעבן פייער אין הויז. אָבער ער קען ניט. ס'פּייניקט אים אַ געפיל פון שרעק. און גראָד איצט ווילט זיך אים אַזוי לעבן! ער וויל דערגרייכן זיין ציל: קומען צוריק אַהיים. אָבער די היים איז נאָך אַזוי ווייט, אַזוי ווייט. וויפל נעכט וועט ער נאָך דאַרפן שלאָפן אין די סיבירער וועלדער! וויפל געפאַרן ער וועט נאָך דאַרפן אויסשטיין, ביז וואַנען ער וועט קענען קומען אַהין! און ווער ווייס צי אים וועט זיך איינגעבן די געפאַרן אויסצומיידן! ווער ווייס צי אים וועט זיך איינגעבן זיין ציל צו דערגרייכן!

און פֿײַניקנדיק זיך אין דעם שווערן אומעט, איז ער אַ מידער אײַנגעשלאָפֿן. די ליכטיקייט פֿון דער פֿרימאָרגן־זון האָט דורכן טיר אַרײַנגעשטראַלט אין הײַזקע וואו בערעלע איז געשלאָפֿן. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און זיך ווײַטער אין וועג געלאָזן.

דאָס זײַנען געווען שווערע טעג פֿון גיין צו פֿוס; שרעקעדיקע נעכט פֿון דער אײַנזאַמקייט אין וואַלד. און אַזוי איז בערעלע דערגאַנגען צו דעם טײַך אנגארא.

די שיף מיט וועלכער בערעלע האָט געזאָלט פֿאָרן צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע האָט געדאַרפֿט אָפּגיין מיט אַ טאָג שפּעטער. דאָס דאָרף ביים ברעג אנגארא וואו די סטאַנציע האָט זיך געפֿונען איז געווען אַ גרויס, און פֿאַר בערעלען איז געווען זייער גרינג צו געפֿינען אַ הויז פֿון אַ פּויער, וואו ער זאָל קענען פֿאַרבלײַבן דעם טאָג און די נאַכט. אויסגעמאַטערט פֿון גיין צו פֿוס די 150 מייל און פֿון די שרעקנדיקע, שלאָפֿלאָזע נעכט אין וואַלד, האָט בערעלע געוואָלט רוען, און ווען ער איז אַרײַן צום פּויער אין שטוב און האָט אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אַ מידער אַוועקגעלייגט שלאָפֿן.

צוואַנציק שעה נאָך אַנאַנד איז ער געשלאָפֿן. ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען אויף מאָרגן, האָט שוין גוט געטאָגט. ער האָט גענומען זײַן פּעקל און איז אַוועק צום שיף. אויפֿן שיף זײַנען געווען זייער ווייניק מענטשן. די סיבירער פּויערים פֿאָרן זייער ווייניק אַרום פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן. די איינציקע וועמען מע באַגעגנט אויף אַזוינע שיפֿן זײַנען רעגירונגס־באַאַמטע אָדער זייערע פֿרויען, וואָס מאַטערן זיך אין אײַנזאַמקייט אין די ערטער וואו זיי געפֿינען זיך און פֿאָרן אַרום פֿון איין אָרט צום צווייטן צו פֿאַרטרײַבן זייער לאַנגווײַליקייט. ווי איבערראַשט איז בערעלע געוואָרן, ווען ער האָט זיך אויף דער שיף באַגעגנט מיט אַ רעגירונגס־באַאַמטן פֿון זײַן דאָרף, מיט דעם גלחס פֿרוי און דעם רײַכן סוחרס טאָכטער פֿון דאָרף. דער באַאַמטער איז געווען דער אַקציזניק, וועלכער האָט פֿײַנט געהאַט רעוואָלוציאָנערן און נאָך מער האָט ער ניט געקענט פֿאַרטראָגן קיין ייִדן. אַנדערש זײַנען געווען די צוויי פֿרויען. אין דאָרף האָבן זיי שטענדיק זיך געחברט מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע און פֿון דעם זײַנען זיי אַליין געוואָרן געשטימט סימפּאַטיש צו דער רעוואָלוציאָנערער, סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ווען זיי האָבן אויפן שיף דערזען בערעלען, האָבן זיי זיך מיט אים אָרומ־געכאַפּט. אפילו דער רעגירונגס־באַאַמטער האָט בערעלען מיט פריינד־שאַפט באַגעגנט. בערעלע האָט דערפילט די געפאַר פון דער באַגעגעניש. וואָס טוט מען? אָבער ער האָט זיך לייכט אַן עצה געגעבן. ער האָט זיי דערציילט, אַז ער האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש פון גובערנאַטאָר צו באַ־זעצן זיך אין אירקוטסק, וואו ער וועט קענען אַרבעטן און פאַרדינען אויף צו לעבן. בערעלעס וועג איז געווען אַ פריילעכער אין דער קאָמפּאַניע פון די דריי באַקאַנטע מענטשן. פאַרנדיק אויפן שיף און זייענדיק שטענדיק אין דער געזעלשאַפט פון דעם רעגירונגס־באַאַמטן, וואָס האָט געטראָגן זיינע אוניפאָרם־קליידער, האָט בערעלע געפילט, אַז אויף אים וועט ניט פאַלן קיין חשד, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער פּאָליטישער אַרעסטאַנט.

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צווייטן דאָרף זיינען אַרויפ־געגאַנגען נייע פּאַסאַזשירן. צווישן זיי איז אויך געווען אַ פּריסטאַוו, („פּאָ־ליס־קעפּטן"), וואָס האָט זיך זייער גוט געקענט מיט דעם אַקציזניק און מיט די צוויי דאַמען וואָס זיינען מיט דעם אַקציזניק מיטגעפאָרן. בערעלע האָט זיך אויך מיטן פּריסטאַוו באַקאַנט. און אין דער קאָמפּאַניע פון די צוויי רעגירונגס־באַאַמטע האָט זיך בערעלע געפילט זיכער אויפן שיף.

אַזוי איז בערעלע צוגעקומען צו דעם דאָרף, וואו עס האָט זיך געפונען די באַן־סטאַנציע, פון וועלכער בערעלע האָט געדאַרפט פאָרן צוריק אַהיים. פון דערפאַרונג האָט בערעלע געוואוסט, אַז אַן אַנטלאָפענער פּאָליטישער אַרעסטירטער ווערט קיין מאָל ניט אַרעסטירט אין די גרענעצן פון סיביר. לויט די רוסישע געזעצן האָט זיך געפירט, אַז ווען אַן אַנטלאָפענער איז אַרעסטירט געוואָרן לעבן די גרענעצן פון סיביר האָט אים געקומט נאָר זיבן טעג טורמע, און דערנאָך פלעגט מען אים אַרויסשיקן אין דעם אָרט פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן. אָבער ווען מען אַרעסטירט דעם אַנטלאָפענעם אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד, דאַן דאַרף ער פון דאָס ניי גיין אויף דריי יאָר אין קאַטאָרגע און ערשט דאַן ווערט ער ווידער אויף אייביק פאַרשיקט קיין סיביר.

ווען אויף עמעצן איז געפאַלן אַ חשד אַז ער איז אַ פּאָליטישער אַרעס־טירטער און וויל פון סיביר אַנטלויפן, פלעגט נאָך אים אַ שפּיאָן נאָכפאָרן

אַ מאָל איבער טויזנט מייל ביז אויף יענער זייט גרענעץ פֿון סיביר און דאָרטן אים אַרעסטירן.

די סטאַנציע וואָס טיילט פֿונאַנדער סיביר פֿון אייראָפּעאישן רוסלאַנד איז געווען די גרויסע סיבירער שטאָט טשעליאַבינסק. בערעלע האָט איצט געטראַכט נאָר וועגן איין זאַך — ווי אַזוי בשלום אַריבערצופֿאָרן די סטאַנציע טשעליאַבינסק. אין באַן וואו בערעלע איז געזעסן האָט זיך אויך געפֿונען אַ פֿרוי און אַ קינד. די פֿרוי איז אַ קריסטין געווען. זי איז געפֿאָרן זיך זען מיט אירע עלטערן אין אוקראַינע. איר מאַן איז געווען אויף אַ רעגירונג־שטעלע אין ווייטן סיביר. בערעלען איז פּלוצלונג אַריין אַ גליקלעכער געדאַנק אין קאָפּ. ער דאַרף זיך באַפֿריינדן מיט דער פֿרוי און דעם קינד און מאַכן דעם איינדרוק אַז ער איז איינער פֿון דער משפּחה און אַז זיי אַלע דריי פֿאָרן אין רוסלאַנד זיך זען מיט פֿריינד און באַקאַנטע.

דאָס קינד איז געווען אַ פֿריילעכס, אַ שפּילעוודיקס. בערעלען איז זייער לייכט אָנגעקומען דערנענטערן צו זיך דאָס קינד. ער האָט דאָס קינד אויף די הענט געהאַלטן. דאָס קינד האָט זיך צו אים גיך צוגעבונדן ווי צו אַן עלטערן ברודער אָדער צו אַן אייגענעם טאַטן. די מיטפֿאָרער זיינען געווען זיכער, אַז בערעלע, די פֿרוי און דאָס קינד זיינען דריי מיטגלידער פֿון איין משפּחה. אויף יעדער סטאַנציע האָט בערעלע געקויפֿט די אַנטיסעמיטישע רוסישע צייטונג „נאָוואָיע ווערעמיאַ". דורך דעם האָט ער געוואָלט אַרויסווייזן, אַז ער איז לאָיאַל צו דעם צאַרישן רוסלאַנד, אַז ער האָט גאָרניט צו טאָן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין דער פֿרייער צייט, ווען ער האָט מיט דעם קינד זיך ניט געשפּילט, ווען ער האָט מיט מענטשן ניט גערעדט, האָט ער די צייטונג געהאַלטן פֿונאַנדערגענומען און זי געלייענט אַ פּאַרטיפֿטער.

און אָט איז מען שוין אויף דער סטאַנציע טשעליאַבינסק. ס'איז צוועלף אַ זייגער ביינאַכט. מע דאַרף פֿון באַן אַרויסגיין און וואַרטן ביז וואַגען אַ נייע באַן קומט כדי ווייטער צו פֿאָרן. ער גייט אַרויס פֿון באַן טראָגנדיק דאָס קינד אויפֿן האַנט. עס באַגעגענען אים זשאַנדאַרן וואָס קוקן יעדער איינציקן אין פּנים אַריין און אויפֿן מינדסטן חשד אַרעסטירן זיי. עס גייט דורך אַ ציטער איבער בערעלעס קערפּער, ווען ער דערזעט די זשאַנדאַרן.

ער שטאַרקט זיך, ער וויל מאַכן דעם איינדרוק אַז ער האָט גאָרניט קיין פאַרבאָרגנס אין האַרצן, אַז ער איז ניט מער ווי אַ רייזנדער. ווען די זשאַנ־דאַרן זיינען פאַרבייגעגאַנגען בערעלען און אויף אים געקוקט, האָט אַ מאַך געטאָן איין זשאַנדאַר מיט זיינע פינגער צו דעם קינד, וואָס בערעלע האָט געטראָגן אויפן האַנט; ער האָט מיטן קינד זיך אַ שפּיל געגעבן און איז ווייטער אַוועק.

בערעלע איז גליקלעך. אים האָט זיך די שפּיל איינגעגעבן. עס איז אים געלונגען צו פאַרדעקן אַלע שפּורן פון חשד. און אָט קומט די נייע באַן און בערעלע פאָרט שוין אַ זיכערער אַהיים.



בערעלעס צוריקקומען

אין דעם אייראָפּעאישן רוסלאַנד האָט ער שוין פּאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט. ער האָט אַ „געזעצלעכן" פאַלשן פּאַס, און ווען אפילו עמעצן וועט איינפאַלן אים אָפּצושטעלן און אים פרעגן ווער ער איז (און אין רוסלאַנד יענע צייטן פלעגט די פּאָליציי דאָס טאָן זייער אָפט), וועט ער זיי קענען מיט דאָקומענטן באַווייזן, אַז ער איז אַ געוויינלעכער בירגער פון לאַנד. אויף יעדער סטאַנציע וואָס די באַן שטעלט זיך אָפּ גייט בערעלע אַרונטער. ער שפּאַצירט זיך דרייסט אויף דער פּלאַטפאָרמע. אין באַן באַקענט ער זיך מיט אַנדערע מענטשן, און אין אַ גליקלעכער שטימונג, שמועסנדיק וועגן די טאָג־טעגלעכע נייעס אין די צייטונגען, פאָרט ער מיט דער באַן אַלץ נעענטער און נעענטער צו זיין היים.

אָט פאָרט בערעלע דורך דאָס שטעטל וואו עס געפינען זיך זיין טאַטע־מאַמע. זיי ווייסן ניט אַז בערעלע פאָרט דורך. פון פאָרזיכטיקייט וועגן האָט ער זיי ניט געשריבן. בערעלעס האַרץ איז פול מיט ליבשאַפט צו יעדער שטיקל ערד וואָס ער פאָרט איצט דורך און וואָס ער האָט אַזוי גוט געקאָנט אין זיינע קינדער־יאָרן.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער סטאַנציע פון זיין שטעטל, וואו זיינע עלטערן האָבן איצט געוואוינט, האָט ער געוואָלט אַרונטערשפּרינגען ; זען עמעצן פון די אַמאָליקע באַקאַנטע און איבערגעבן אַ גרוס טאַטע־מאַמען. אָבער בערעלע האָט זיך קאָנטראָלירט. ער האָט געוואוסט, אַז אַזאַ שריט וואָלט געווען אַ געפערלעכער פאַר אים און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע פון וואַגאָן, צוזאַמענגעדרייט אין זיין אייגענער פרייד און פּיין. ער האָט אין ערגעץ ניט געקוקט ; האָט פון קיינעם

ניט געוואָלט דערקאָנט ווערן, ביז וואַנען די באַן האָט זיך פון דאָס ניי גע־
רירט און ער איז ווייטער געפאָרן.

אָט האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט אין יענער שטאָט וואו בערעלע האָט
אַ מאָל זיין ניי לעבן אָנגעהויבן. דאָ האָט ער גענאַרפט אַרונטער; דאָ
האָט ער געדאַרפט זיך באַגעגענען מיט זיינע אַלטע חברים און באַשטימען
וואוהין ווייטער צו פאָרן, כדי אָנצופאַנגען די אַרבעט אין „בונד"; די אַר־
בעט וועלכע ער האָט ליב געהאַט; די אַרבעט אין דער באַוועגונג מיט
וועלכער ער האָט זיין לעבן פאַרבונדן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען
ער וועט ווידער אָנהייבן אַרבעטן אין דער אונטערערדישער בונ־
דישער באַוועגונג, דערוואַרטן אים נייע טורמעס, אפשר נאָך שווערערע
און אַ נייע קאַטאָרגע. אָבער פאַר דעם האָט בערעלע מער קיין מורא ניט
געהאַט, ער איז געווען גרייט אַלץ אָנצופאַנגען פון אָנהייב, מיט מער שטו־
רעם און מיט מער ברען.

ווען בערעלע איז אַרויס פון באַן, האָט ער אין שטאָט ניט געוואָלט
פאָרן. ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ שפּאַציר. איידער ער וועט אַריינגיין
אין אַ הויז פון באַקאַנטע זאָל ער צו ערשט גוט אָנקוקן די שטאָט, באַטראַכטן
די הייזער. ער האָט געוואָלט אַריינאָטעמען אין זיך די לופט פון דער
שטאָט וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. גייענדיק איבער די גאַסן, האָט ער
זיך געוואונדערט וואָס ער באַגעגנט קיינעם ניט פון זיינע אַלטע באַקאַנטע.
ער האָט געדענקט פון אַמאָל, אַז ווען ער פלעגט נאָר אין גאַס אַרויסגיין,
פלעגט ער כמעט אויף יעדער ראָג באַגעגענען אַ מענטשן מיט וועלכן ער
האָט צוזאַמען געאַרבעט אין „בונד". וואו זיינען זיי איצט? קען דען זיין,
אַז זיי האָבן אַלע די שטאָט פאַרלאָזן? קען מעגלעך זיין, אַז דער צאַרישער
רעגירונג האָט זיך איינגעגעבן מיט אירע שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען די באַ־
וועגונג צו צעברעכן, צעשטערן? אַלע בונדיסטן אין טורמע און אין סיביר
צו פאַרשיקן?

דאָס אויסזען פון שטאָט האָט זיך ווייניק געביטן. די זעלבע גאַסן, די
זעלבע געשעפטן, די זעלבע באַלייכטונג — נאָר עפּעס די מענטשן זיינען
אַנדערש געוואָרן; אַלץ פּנימער ניט באַקאַנטע, פרעמדע.

בערעלע איז אַוועק צו זיין אַלטער באַקאַנטער, צו קאַטיען, צו דער אַמאָליקער פּירערין פון „בונד" אין יענער שטאָט. ווען קאַטיע האָט אים דערזען, האָט זיך אויף איר פאַרוואונדערט פּנים אַ בלאַסקייט אויסגע־שפּרייט. אַ דערשטוינטע און אַ צעטומלטע האָט זי אויסגעשריען: „בע־רעלע!" קאַטיעס שטים האָט געקלונגען מיט פרייד און פאַרוואונדערונג. זיי זיינען אַרויפגעפאַלן איינער דעם צווייטן אויף די העלדזער און האָבן זיך היים און חבריש צעקושט.

ווען בערעלע האָט גענומען קאַטיען פונאַנדערפרעגן וועגן דער אַרבעט, וועגן „בונד", האָט זיך אַן אומעט אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. זי האָט אים דערציילט, אַז אַלץ איז חרוב געוואָרן. מען איז זיך צעלאָפן, ווער קיין לאָנ־דאָן, ווער קיין אַמעריקע. אַ סך זיצן אין די טורמעס, פאַרשיקט אין סיביר. בערעלען איז זייער אומעדיק געוואָרן.

אַט גייט בערעלע אין גאַס און דערזעט זיינעם אַן אַמאָליקן חבר, שמעון האָט ער געהייסן. בערעלע איז מיט שמחה צוגעלאָפן צו אים, האָט זיך גע־וואָלט מיט אים ארומכאַפּן, אָבער שמעון האָט אים באַגעגנט קאַלט, גלייך ווי אים וואָלט גאָר פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך מיט בערעלען באַגעגנט. ער פרעגט שמעונען: „ביסטו טעטיק אין „בונד?"—„אַ, בערעלע—זאָגט שמעון — פרעג ניט די פראַגע. איך בין מיד, עס פעלן די כוחות אָנצו־פאַנגען פון דאָס ניי. וואָס געווען איז אַ וויטער־ווייטער חלום. עס ווילט זיך לעבן אַליין אין איינזאַמקייט, אָפּרוען פון יענעם שטורעם. עס איז אַ גרויסער קאַשמאַר געווען. איך בין מיד, איך וויל זיך פאַרגעסן . . . פאַר־געסן".

בערעלע האָט באַגעגנט נאָך אַ פּאָר אַלטע באַקאַנטע, אַרבעטער און אינטעליגענטן, זיי זיינען אַמאָל געווען אַקטיוו אין „בונד" — און איצט? איצט זיינען זיי אין אַנדערע וועלטן, מען שפּילט גאָר קאָרטן, מען איז אַנ־טוישט, מען איז צעבראָכן.

בערעלע פּרוווט אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, אָבער עס גייט ניט. ער פאָרט אין אַנדערע שטעט, אומעטום באַגעגנט ער דעם זעלבן צווייפל. יעדער שטאָט איז פאַר בערעלען געווען אַן אַנטוישונג. אומעטום קברים פון דעם,

וואָס איז געווען אַמאָל. ער ווערט מיד. עס איז ניט געווען קיין פּיזישע מידקייט, נאָר אַ גייסטיקע.

דער וואָרעם פון פאַרצווייפלונג האָט געפרעסן זיין האַרץ.

ער באַשליסט צו פאָרן אין אויסלאַנד זיך אָפּרוען. אָבער וואוהין פאָרט מען? אין אַמעריקע האָט ער אַ סך באַקאַנטע. ער האָט געהערט, אַז אין אַמעריקע האָבן יידישע אַרבעטער אויפגעבויט אַ גרויסע באַוועגונג.

פאָרן קיין אַמעריקע! — באַשליסט בערעלע. דאָרטן וועט ער זיך אויס־רוען און דערנאָך וועט ער פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד און ווידער אָנהייבן פון דאָס ניי!



אין אַמעריקע

ווען בערעלע איז געקומען קיין אַמעריקע, איז אים געווען שווער זיך צוצופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען. אמת, ער האָט דאָ געטראָפן אַ גרויסע אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער עס האָט געפעלט די היימישע ראָמאַנטיש־קייט. ער פלעגט זיך זייער אָפט באַגעגענען מיט זיינע אַמאָליקע חברים פון רוסלאַנד. אַ סך פון זיי זיינען פון דער באַוועגונג אַוועק, האָבן זיך דאָ, אין זייער נייעם לאַנד, אויסגעבויט זייער אייגענעם וואַרעמען נעסט.

ווען בערעלע פלעגט זיך באַגעגענען מיט די פריינד פלעגן זיי צו אים זאָגן:

— „בערעלע, גענוג צו אַרבעטן פאַר אַנדערע, גענוג צו בענקען און שטרעבן צו זאַכן וואָס מען קאָן ניט דערגרייכן. רוסלאַנד, דאָס רוסלאַנד פאַר וועמען הונדערטער, טויזנטער האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן, וועט קיין מאָל פריי ניט ווערן. הער אויף צו חלומען וועגן פאָרן צוריק. בלייב אין אַמעריקע, ווער מיט לייטן גלייך. אַמעריקע גיט דיר אַלע פרייהייטן, אַמע־ריקע איז אויך אַ לאַנד אַ פּראַקטישע. גיי אַרבעטן, שפּאָר אָפּ אַ פּאָר דאָלער, און גיי אַליין אין געשעפט. ביסט אַ מענטש אַן ענערגישער, ווען דו וועסט פאַר דיין געשעפט אַזוי אַוועקגעבן דיין האַרץ און נשמה ווי דו האָסט אין רוסלאַנד אַוועקגעגעבן פאַרן „בונד", וועסטו ווערן רייך און זיין גליקלעך"...

ווען בערעלע פלעגט הערן די פּראַקטישע רייד פון זיינע אַמאָליקע חברים, פלעגט אַ קאַלטער שוויים באַדעקן זיין קערפּער. אַוועקגייענדיק פון זיי פלעגט ער צו זיך זאָגן: „איך פאָר צוריק קיין רוסלאַנד. איך וועל דאָרטן אָנפאַנגען אַלץ פון דאָס ניי".

בערעלע האָט נאָך אין אַמעריקע צו קיין אָרגאַניזאַציע ניט באַלאַנגט. אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק האָט ער נאָך אַלץ געלעבט ציִיטווייליק, ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט צו פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. אַמאָל פלעגט ער טראַכטן: אויב ניט אין רוסלאַנד, איז אין אַן אַנדער לאַנד פון אייראָפּע, אַבי אַנטלויפן פון אַמעריקע. וואָס לענגער ער איז געווען אין ניו־יאָרק, אַלץ מער האָט ער אָנגעפאַנגען פיינט צו האָבן די שטאָט און דאָס לאַנד.

אין דער פרי, ווען בערעלע פלעגט גיין צו דער אַרבעט און פלעגט זען ווי מענטשן לויפן, שטופּן זיך אין די קאַרס, אין די עלעווייטעדס, אין די סאָבווייס, ווי מען שלאָגט זיך צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ צום זיצן, אָדער ווי מען הענגט אויף די רימענס פאָרנדיק צו דער אַרבעט, ליגנדיק איינע אויף די אַנדערע, ווי מען הוסט און אָטעמט איינע אויף די אַנדערע, פלעגט עס ביי אים אַרויסרופן אַ געפיל פון רחמנות צו די מענטשן.

איין מאָל ווען ער איז געפאָרן צו דער אַרבעט און די סטריט־קאַר איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, איז געוואָרן אַ קריגערייַ צווישן דעם קאָנ־דוקטאָר און אַ יידן פון מיטעלע יאָרן. דער קאָנדוקטאָר האָט ביי אים פאַר־לאַנגט פאָר־געלט און דער ייד האָט געטענהט אַז ער האָט באַצאָלט. דער קאָנדוקטאָר איז געווען איינגעשפּאַרט, ער האָט געוואוסט, אַז דער ייד האָט ניט באַצאָלט, נאָר דער ייד האָט באַצאָלן ניט געוואָלט, האָט דער קאָנדוק־טאָר אָפּגעשטעלט די קאַר און ניט געוואָלט פאָרן ווייטער, ביז דער ייד וועט ניט באַצאָלן. אַלע פּאַסאַזשירן אין קאַר וואָס האָבן זיך געיאָגט צו דער אַרבעט זיינען געוואָרן זייער אומרואיק, מען האָט גענומען שרייען, גוואַל־דעווען: „מיר וועלן פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט, מיר וועלן פאַרלירן אונדזערע שטעלעס,” — האָבן זיי געשריען. און העכער פון אַלעמען האָבן געשריען דער ייד און דער קאָנדוקטאָר.

אַ בלאַסע פרוי איז צוגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטע צום קאָנדוקטאָר און האָט געוואָלט באַצאָלן פאַרן יידן, אָבער דער קאָנדוקטאָר האָט אַנדערש ניט געוואָלט ווי נאָר אַז דער ייד אַליין זאָל באַצאָלן. האָט די פרוי געוואָלט געבן דעם ניקל דעם יידן ער זאָל באַצאָלן, האָט דער ייד געשריען: „איך דאַרף ניט קיין נדבות! איך האָב שוין באַצאָלט!”

די פרוי איז געשטאַנען אַ פאַרצוויפלטע און האָט צו זיך אַליין גע־זאָגט: „גאָט מיינער! איך וועל קומען שפּעט צו דער אַרבעט, מען וועט מיך אין שאַפּ ניט אַריינלאָזן און איך וועל פאַרלירן אַ טאָג אַרבעט".

דער קאָנדוקטאָר האָט געקראָגן אַ פּאָליציסט אין גאַס, דער פּאָליציסט האָט אַרויסגעפירט דעם יידן פון קאַר און די קאַר איז אַוועק. אין קאַר איז געוואָרן שטיל, מען האָט אויפגעהערט צו לייענען די צייטונגען. אַלע האָבן מסתמא געטראַכט וועגן איין זאַך: פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט.

בערעלע האָט אויך געטראַכט — וועגן אַמעריקע, ווי מענטשן זיינען דאָ פאַרשקלאַפט. וואָס איז די פּעולה — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד אַז מען דאַרף זיך אַזוי יאָגן, קומען צו דער אַר־בעט צו דער מינוט, אַז ניט פאַרלירט מען די שטעלע, און מען איז פאַר־משפּט צו הונגער. אין רוסלאַנד האָט מען אויך געאַרבעט שווער, — האָט בערעלע געטראַכט, — אָבער אַזוי שרעקן זיך, אַזאַ יאָגן זיך, — דאָס איז ניט געווען.

בערעלע האָט געלייענט אין די צייטונגען, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט פאָרקומען אַ באַל פון „בונד". ער האָט זיך פון די באַקאַנטע בונדיסטן דערוואוסט, אַז צום באַל פון „בונד" קומען די בונדיסטן פון אַלע שטעט פון דער אַלטער היים.

בערעלע האָט מיט דעם גרעסטן אינטערעס געוואַרט אויף יענעם אָוונט.

צום באַל איז ער געגאַנגען מיט זיין שוועסטער, וואָס איז קיין אַמעריקע געקומען אַ סך פריער פון אים. פאָרנדיק צום באל האָט צו אים זיין שוועס־טער געזאָגט: „היינט וועסטו זען אַלע דיינע אַמאָליקע באַקאַנטע, דו וועסט זען ווי זיי האָבן זיך אַמעריקאַניזירט, צוגעפּאַסט זיך צו קאָלומבוסעס מדינה און האָבן שוין לאַנג אויפגעגעבן זייערע נאַרישע געדאַנקען צו פאָרן צוריק אַהיים אין דעם ווילדן צאַרישן רוסלאַנד".

בערעלעס שוועסטער האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט נאָר געקענט, אַז איר ברודער בערעלע זאָל זיך דאָ פילן גוט. זי האָט געפילט זיין בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים, נאָך זיין שטורעמדיקן לעבן פון אַמאָל. בערעלע האָט טיף אין הארצן אָפּגעשאַצט זיין שוועסטערס גוטסקייט, נאָר אַז זי פלעגט

אים נעמען טרייסטן פלעגט אַ ציטער דורכגיין דורך אַלע זיינע אבריס. ער פלעגט אויסזען אין זיינע אייגענע אויגן אַזוי קליין און נישטיק. ער פלעגט טראַכטן: „איך, וואָס האָבן געוואָרפן באָמבעס, בין געגאַנגען געשמידט אין קייטן, געווען פאַרשיקט קיין סיביר, געווען דער פירער פון דעמאָנסטראַציעס, געווען אַ העלד, איך דאַרף איצט געפירט ווערן פון מיין שוועסטער, וואָס איז קיין מאָל פון איר שטעטעלע ניט אַרויסגעפאָרן"...

ווען בערעלע איז אַריין מיט זיין שוועסטער אין זאַל, האָט ער גלייך באַגעגנט זייער אַ סך באַקאַנטע, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט צוזאַמען אין „בונד". אַלע האָבן אים באַגעגנט מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט. מען האָט זיך געקושט, זיך געפרייט. יעדער איינער האָט ביי בערעלען געפרעגט וואָס עס הערט זיך אין רוסלאַנד, אין מינסק, אין ווילנע, וואַרשע, בערדיטשעוו, אָדעס און נאָך און נאָך שטעט. מיט זיין קומען צום באַל האָט בערעלע אויפגעוועקט די בענקשאַפט נאָך די אַמאָליקע, לאַנג פאַרשוואונדענע, שטורמישע, העלדישע טעג. אין זייערע שטימען, אין זייערע פּנימער, ווען זיי האָבן גערעדט צו בערעלען, האָט ער דערפילט, אַז ניט נאָר ער אַליין, נאָר זיי אַלע פילן זיך ווי פרעמדע, גייען אַרום פאַרבענקטע נאָך זייער זיסער היים, נאָך זייער אַמאָליקן לעבן.

די מוזיק שפּילט, מען טאַנצט אַ רוסישע האָפּקע, מען טאָפּעט מיט די פיס. בערעלען דוכט זיך, אַז דער גרויסער אָרקעסטער, דאָס טאָפּען מיט די פיס איז ביי זיי אַלעמען נאָר אַ מיטל צו פאַרשרייען און פאַרטומלען זייער אינערלעכע נאָגעניש נאָך דער אַלטער היים, נאָך די פאַרזאַמלונגען אין וואַלד, נאָך די קרייזלעך אין די קעלערס. ביי יענע פאַרזאַמלונגען איז געווען אַזוי משפּחהדיק, אַזוי אינטים, אַזוי פיל פריינדשאַפט און פּאָעזיע.

בערעלע טראַכט: וואָס פאַר אַ ווערדע האָט די שיינע עלעקטרישע באַלייכטונג פון זאַל, דאָס שפּילן מוזיק אין פאַרגלייך מיט דער אָרעמער פינצטערער שטוב פון שלמה דעם וואַסער־פירער, וואו עס פלעגן געהאַלטן ווערן געהיימע פאַרזאַמלונגען; אָדער מיט די קרייזלעך, וואו שטיל און האַרציק, מיט אויגן פאַרחלומט, מיט פאַנטאַזיעס און האָפענונגען אַזעלכע ליכטיקע, ווייטע, פלעגט מען זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

ווען בערעלע איז שפּעט ביינאַכט אוועק פון בונדישן באַל, האָט ער געטראָגן צוויי געפילן אין האַרצן: פרייד און אומעט. פריילעך איז בערע־

לע געווען וואָס ער האָט געזען אַזוי פיל באַקאַנטע מיט וועמען ער איז דורכ־געגאַנגען אַזוי פיל פון זיין שטורעמדיקן לעבן. דורך זיין זכרון איז דורכ־געגאַנגען אַ ים מיט פאַסירונגען. זיין האַרץ האָט אַזוי זיס געקלאַפט פון דער וואַרעמער אָפּפרישונג וואָס די חברים האָבן אים געבראַכט ביי זיין ערשטער באַגעגעניש מיט זיי. אָבער די פרייד איז געווען אויסגעמישט מיט אומעט. יע, האָט בערעלע צו זיך געזאָגט, דאָס איז אַלץ שוין נאָר אַ פאַרגאַנגענהייט, אַ חלום, וואָס ווערט צערונען אין דער גרויסער טומלדי־קער שטאָט ניו־יאָרק. וואָס איז ער דאָ? וואָס זיינען די חברים, וואָס ער האָט אויפן באַל באַגעגנט און וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען אַזעלכע פאַנ־טאַסטישע וועלטן געבויט, וואָס זיינען זיי איצט?

מילבן צווישן די מיליאָנען מענטשן וואָס יאָגן זיך, האַווען, כדי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט!

ביסלעכווייז איז דאָס פריידיקע פאַרשוואונדן און דער אומעט איז גע־בליבן. זיין בענקשאַפט צו רוסלאַנד איז נאָך יענעם באַל נאָך שטאַרקער געוואָרן.

בערעלע האָט אַלע טאָג געלייענט די נייס וועגן רוסלאַנד. ער פלעגט זיך צוכאַפּן צו די רוסישע נייס אין די צייטונגען מיט דער גרעסטער ניי־געריקייט. די נייס פלעגט זיין טרויעריקע. אַ העלפט פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג זיצט אין טורמע, פאַרשיקט אין סיביר. לייענענדיק די נייס האָט ער עפּעס אַלע מאָל געהערט דאָס קלינגען פון די קייטן אין וועלכע עס זיצן געשמידט די אַרעסטירטע אין רוסלאַנד.

דאָס איז געווען אין מאָנאַט מערץ. די טעג זיינען שוין געוואָרן גרעסע־רע, דער שניי איז נאָך געלעגן אויף די גאַסן, אָבער די זון האָט שוין גע־וואַרעמט, זי האָט שוין אָנגעזאָגט, אַז באַלד, באַלד און דער ווינטער וועט אַוועק און דער ליבער פרילינג וועט קומען.

בערעלע אַרבעט שוין ניט צוויי מאָנאַטן. אין לאַנד הערשט אַ קריזיס, מענטשן גייען אַרום פאַרזאָרגטע. דאָס אַרומגיין אָן אַרבעט האָט בערעלען דערעסן. אמת, קיין נויט פילט ער נאָך ניט. בערעלע האָט גוט פאַרדינט ווען ער האָט געאַרבעט. ער האָט נאָך מיט וואָס זיך דורכצולעבן. קיין סך דאַרף ער סיי ווי ניט. דאָך האָט אים געצויגן צו דער אַרבעט, צום שאַפּ. ניט פאַרדינען געלט האָט ער געוואָלט, נאָר אַרבעטן, דרייען די מאַשין. ביי דער אַרבעט האָט ער זיין בענקשאַפט פאַרטריבן.

אין טעג פון אַרבעטלאָזיקייט פלעגט ער ניט קענען איינזיצן אין שטוב און פלעגט גיין איבער די גאַסן, גלאַט גיין איבער די גאַסן.

איין מאָל גייענדיק אַזוי איבער די גאַסן פון האַרלעם, וואו בערעלע האָט געוואוינט, האָט ער דערזען ווי אויפן טראָטואַר ביי אַ הויז שטייען אַלטע בעטן, אויף די בעטן ליגן אָנגעוואָרפן קליידער און בעטגעוואַנט, אויף די בעטן זיצן קליינע קינדערלעך איינגעוויקלט אין שמאַטעס. אַרום זיי שטייען שטולן, טעלער, טעפּ, פענדלעך און דאָס ביסל אָרעמע באַלעבאַטישקייט. עס שטייט אַ פרוי אַ פאַרצווייפלטע און וויינט. אַרום זיי אַ סך מענטשן פון גאַס. אויף זייערע פּנימער אַ געפיל פון מיטלייד און רחמנות צו די קינדער און דער אָרעמער פרוי. צום ערשטן מאָל האָט בערעלע דערזען ווי אַן אָרעמע אַרבעטער־פאַמיליע איז אין מיטן ווינטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער דירה אין גאַס אַריין, ווייל דער מאַן איז אַרבעטלאָז און האָט ניט קיין דירה־געלט צו באַצאָלן. דאָס טרויעריקע בילד פון די קינדער אויף וועמעס פּנימלעך ס'איז געווען אויסגעגאָסן אַ שרעק, די אייגעלעך אויסגעשטעלט, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק אַז זיי באַגרייפן אַליין ניט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי און זייער אומגליקלעכער מאַמען—דאָס אַלץ האָט בערעלעס האַרץ מיט אַ טיפן ווייטיק אַרומגענומען.

ער האָט ניט נאָר רחמנות געהאַט אויף דער אומגליקלעכער פאַמיליע, נאָר אויך אויף די מענטשן וואָס שטייען און באַדויערן די פאַמיליע און זייַנען מאַכטלאָז עפּעס צו טאָן. בערערע האָט ביי זיך געטראַכט: וואָלט דאָס מעגלעך געווען אין מינסק און וואַרשע? וואָלטן דאַרפן אויך די מענטשן אַזוי געשטאַנען און מאַכטלאָז צוגעקוקט? פאַר וואָס זייַנען דאָ די מענטשן אַזוינע שווייגעדיקע, אַזוינע הילפלאָזע? אַמעריקע איז דאָך אַ פרייַ לאַנד, פאַר וואָס קעמפן דאָ ניט די מענטשן פאַר אַ בעסערן און גליקלעכערן לעבן? האָבן מיר דאָך אַלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד געזאָגט, אַז מען דאַרף אַרונטערוואַרפן דעם צאַר, רוסלאַנד זאָל ווערן אַזאַ פרייַ לאַנד ווי אַמעריקע, וועלן די אַרבעטער קענען פרייַ קעמפן פאַר דעם סאָציאַליזם, וואו אַלע מענטשן וועלן לעבן גליקלעך און פרייַ. נו, האָט בערעלע צו זיך ווייטער געזאָגט, פאַר וואָס זשע קעמפן דאָ ניט די מענטשן פאַר דעם סאָציאַליזם?

„ניין, — אַמעריקע איז ניט פאַר מיר, איך וועל פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד". — מיט אַזעלכע געדאַנקען פלעגט בערעלע אַרומגיין טאָג און נאַכט.

דאָ דאַרף מען בלייבן
און קעמפן!

ער סעזאָן אין זיין פאַך האָט זיך פון דאָס ניי אָנגעפאַנגען. ער איז געקומען אין שאַפּ אַ צופרידענער. ווידער נעמען זיך צו דער אַרבעט, פאַרגעסן זיך אָן דער שטענדיקער בענקשאַפט וואָס מאַטערט זיין האַרץ. אָבער אויך די פרייד פון אַרבעט פלעגט אים אָפט פאַרשטערט ווערן.

בערעלע האָט געאַרבעט אין אַ גרויסן שניידער־שאַפּ. דאָס לעבן אין שאַפּ איז געווען שווער: דרייען אַלע טאָג דאָס זעלבע רעדל, הערן שטענדיק די זעלבע גראָבע רייד פון די ברידער־אַרבעטער, יאָגן זיך צו קריגן אַ גרעסערן „באָנדל", און געבן קאָמפּלימענטן דעם פאָרמאַן פון שאַפּ, ווען עס ווילט זיך אים גאָר אויסזידלען פאַר דער גראָבקייט, ווי ער באַגייט זיך מיט מענטשן. דאָס אַלץ האָט בערעלען ווי געטאָן, גייסטיק געמאַטערט.

זיצנדיק ביי דער מאַשין אין אַ ווינקעלע פון שאַפּ פלעגט בערעלע צו זיך אַמאָל זאָגן: ווען די אַרבעטער דאָ וואָלטן אַזוי פאַרשטאַנען און אַזוי געפילט, ווי עס האָבן פאַרשטאַנען די אַרבעטער אין מינסק און אין וואַרשע, וואָלטן זיי דאָך דאָ אין אַמעריקע געקענט אַן אמתן גן־עדן מאַכן פון זייער לעבן. און אין זיין מוח איז דורכגעלאָפן דער געדאַנק: אפשר דאָ אין אַמעריקע מאַכן אַ „בונד"?

איין מאָל האָט די יוניאָן אַרויסגערופן אַ סטרייק אין זיין שאַפּ. אַלע אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט. אַלע אין דער פרי פלעגן די אַרבעטער קומען פיקעטן דעם שאַפּ. זיי פלעגן אַרומגיין שטיל, רואיק, הין און צוריק נעבן שאַפּ. אַזוי האָט דער סטרייק געדויערט דריי וואָכן. עס האָט געהערשט אַ הונגער צווישן די סטרייקערס, אָבער די אַרבעטער האָבן זיך

געהאַלטן ווי פריינד, ווי אמתע חברים, זיינען געווען מוטיק און שטיל געליטן.

בערעלען איז פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט זיך אָפּגע־פרישט. צום ערשטן מאָל האָט ער דערפילט אַ וואַרעמקייט צו די מענטשן, וואָס אַרבעטן מיט אים אין שאַפּ. ער גייט מיט די סטרייקערס צו די פאַר־זאַמלונגען פון דער יוניאָן, מען גיט די סטרייקערס צו מוט כדי דעם סטרייק צו געווינען. אַמאָל טראַכט בערעלע: פון וואָס איז דאָ וואָס באַגייסטערט צו ווערן? און אַז מען וועט שוין קריגן מיט אַ סענט מער פאַר דער אַר־בעט, וועט מען שוין פון דעם גליקלעך ווערן? אָבער זיינע געפילן צו אַמע־ריקע האָבן זיך גענומען בייטן. ער האָט דאָס דערפילט, און ער פלעגט וועלן די ענדערונג אין זיך פאַרשרייען, דערשטיקן.

איין טאָג זיינען די סטרייקערס געקומען פּיקעטן. זיי זיינען זיך אויך דאָס מאָל צוזאַמענגעקומען רואיק און האָבן שפּאַצירט פון ראָג צו ראָג. נאָר פּלוצלונג זיינען אָנגעקומען „גענגסטערס", געדונגענע שלעגער פון דעם באַלעבאָס, און זיינען באַפאַלן די סטרייקערס און זיי מערדערלעך געשלאָגן. צעבלוטיקטע און פאַרוואונדעטע זיינען די אַרבעטער אַוועק פון דעם פּי־קעט־ליין. דער בלוטיקער אָנפאַל האָט ביי בערעלען אַרויסגערופן גרויס צאָרן. ער האָט צו זיך געזאָגט: אויך דאָ גיסט זיך אַרבעטער־בלוט! פאַר וואָס זאָל איך שטיין אָן אַ זייט און שווייגן?

ער האָט אָנגעפאַנגען צו טראַכטן און האָט דערזען אַן אַנדער אַמערי־קע. ער האָט געטראַכט וועגן די שעפּער אין וועלכע מען אַרבעט, וועגן סטרייקס און פּיקעטן, וועגן געדונגענע שלעגער, וואָס שלאָגן און מערדערן, און וועגן בלוט, וואָס עס האָט זיך געגאָסן פון די אַרבעטער פון זיין שאַפּ.

בערעלע האָט אָנגעפאַנגען טראַכטן: אויב מען קאָן איצט קיין רוס־לאַנד ניט פאָרן, פאַר וואָס שטיין פון דער ווייטן פון דעם קאַמף, וואָס עס פירן די יידישע אַרבעטער דאָ פאַר אַ בעסערן און לייכטערן לעבן? מיט וואָס איז הייליקער דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון די אַרבעטער אין רוסלאַנד פון דעם פאַרגאָסענעם בלוט פון די אַרבעטער אין אַמעריקע?

איין מאָל אין צייט פון וואַלן איז ער געגאַנגען אויף אַ גרויסער פּאָלי־טישער פאַרזאַמלונג. די פאַרזאַמלונג איז געווען אין אַ גרויסן זאַל פון דער

איסט־סייד. אַ ריזיק גרויסער עולם. עס רעדן רעדנער אין ענגליש. בערעלע פֿאַרשטייט זיי ניט. עס רעדן אויך רעדנער אין יידיש, אָבער זיי מאַכן אויף אים ניט קיין איינדרוק.

מען שטעלט פֿאָר מאיר לאָנדאָנען. די גאַנצע פֿאַרזאַמלונג שטעלט זיך אויף, ווילד פֿון באַגייסטערונג. מע שרייט: „לאָנדאָן! לאָנדאָן!" וועגן מאיר לאָנדאָנען האָט בערעלע אַ סך געהערט. ער איז אַ קעמפֿער, אַן אידעאַליסט, ער איז זיך מקריב פֿאַר די אַרבעטער.

מאיר לאָנדאָן האָט אָנגעפֿאַנגען זיין רעדע אין ענגליש. דער עולם האָט אָנגעהויבן שרייען: „יידיש! יידיש!" און לאָנדאָן האָט גענומען רעדן אין יידיש.

בערעלע האָט געשלונגען מיט נייגעריקייט יעדער וואָרט, וואָס לאָנדאָן האָט אַרויסגעזאָגט. צום ערשטן מאָל האָט זיך בערעלע אין אַמעריקע דערוואַרעמט. לאָנדאָנס שטראָף־רייד צום עולם, זיין רוף צום קאַמף האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק אויף בערעלען.

גייענדיק צוריק פֿון דער פֿאַרזאַמלונג האָט ער צו זיך געזאָגט:

„אַז מען וויל, קען מען אין דער פּראַקטישער אַמעריקע אויך זיין אַ סאָציאַליסט, אַ קעמפֿער, אַן אידעאַליסט. ווער זיינען די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין גרויסן זאַל? אַרבעטער! זיינען זיי גליקלעך? וואוינען זיי ניט אין פֿאַרשטיקטע צימערן? אַרבעטן זיי ניט שווער צו דערנערן זייערע פֿאַמיליעס? שלאָגט מען זיי ניט אויפֿן פּיקעט־ליין? גיסט זיך דאָ ניט זייער בלוט? איז מאיר לאָנדאָן ניט געווען גערעכט ווען ער האָט מיט כעס אויסגעשריען, אַז אַרבעטער דאַרפֿן לייענען, דאַרפֿן פֿאַרשטיין די וועלט, דאַרפֿן קעמפֿן פֿאַר אַ וועלט פֿון יושר און גערעכטיקייט?"

בערעלע האָט גענומען פֿון דאָס ניי טראַכטן וועגן רוסלאַנד. אַ פֿינצטער בילד איז דורכגעשוואומען אין זיין געדאַנק. אַלע בונדישע פֿירער זיינען איצט אין אויסלאַנד, ווער אין ווין און ווער אין פּאַריז. אַ סך פֿון זיי פֿאָרן קיין אַמעריקע דאָ זיך צו באַזעצן.

אין בערעלען האָט זיך צעפֿלאַקערט אַן אינערלעכער קאַמף. עס האָבן אין אים געקעמפֿט צוויי געגנערישע געפֿילן, עס האָט געקעמפֿט די בענק־

שאַפט נאָך רוסלאַנד, נאָר דער שיינער העראָאישער פאַרגאַנגענהייט, און דאָס געפיל פון פראַקטישקייט: פאַרבלייבן אין אַמעריקע און פאַרזעצן דאָ דעם קאַמף וואָס עס פירן די טויזנטער יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע און אַרבעטן דאָ אין שעפער שווער און ביטער, ראַנגלען זיך פאַר אַ גרינגערן שטיקל ברויט.

אין די צייטונגען האָט מען גענומען שרייבן, אַז די יוניאָן פון די קלאָקמאַכער קלייבט זיך אַרויסצורופן אַ סטרייק פון אַלע אַרבעטער.

אויף די גאַסן וואו די קלאָקמאַכער־שעפער האָבן זיך געפונען, אין די סאַלונען אין וועלכע זיי פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן אין דער מיטאָג־צייט און נאָך דער אַרבעט, האָט מען אַלץ גערעדט וועגן דעם קומענדיקן סטרייק. די שטימונג צווישן די אַרבעטער פון שאַפּ וואו בערעלע האָט געאַרבעט איז געווען אַ פריילעכע, די אַרבעטער האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם סטרייק־רוף.

איין מאָל, אַ דאָנערשטיק איז דאָס געווען, האָבן אַלע אַרבעטער 10 אַ זייגער אין דער פרי געוואָרפן די אַרבעט און זיינען אַרויס פון די שעפער. ווען בערעלע איז אַרויס אין גאַס, האָט ער דעריזען, אַז טויזנטער אַרבעטער, פריילעכע, מוטיקע זיינען אַרויס פון די שעפער אין סטרייק.

בערעלע האָט אָנגעפאַנגען נאָענט צו ווערן צו די מענטשן וועלכע זיינען אַקטיוו אין דער יוניאָן, ער האָט זיך אָנגעפאַנגען צו אינטערעסירן מיט אַלע קאַמפן וואָס די יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער פירן דאָ אין לאַנד. ער האָט זיך אויך גענומען אינטערעסירן מיט אַמעריקאַנער פּאָליטישע פראַגעס. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַריינטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

ער האָט גענומען טראַכטן, אַז דאָרט אין רוסלאַנד איז נאָר געווען אַן אָנהייב פון דעם גרויסן קאַמף וואָס די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט דאַרפן פירן פאַר דער מענטשלעכער באַפרייאונג. וואָס מער בערעלע האָט געטראַכט וועגן די אַרבעטער און וועגן סאָציאַליזם, אַלץ מער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן זיין בענקשאַפט נאָך רוסלאַנד. גענוג צו בענקען נאָך דעם וואָס עס איז אוממעגלעך צוריק צו ברענגען — האָט ער איצט גענומען טראַכטן — דאָס נעכטיקע איז פאַרשוואונדן. ווי שיין און העלדיש עס איז

ניט געווען די פאַרגאַנגענהייט, קען מען מיט בענקשאַפט נאָך איר ניט לעבן. מען מוז געבן אַן אינהאַלט אויך דעם לעבן פון היינט און פון מאָרגן. אַמע־ריקע איז אַ גרויס לאַנד, אַ פריי לאַנד. זאָל מען אויך דאָ זען די אַרבעטער צו באַגייסטערן, צו געבן זיי אַ גלויבן, רופן זיי צום קאַמף אַזוי ווי מיר, בונדיסטן, האָבן געטאָן אין רוסלאַנד... אָבער ווי בערעלען פלעגט אַרויף אויפן געדאַנק „בונד", רוסלאַנד, קאַמף — אַזוי פלעגט אים ווידער אָן אָר־מעט פאַרכאַפּן.

וואָס לענגער בערעלע האָט געלעבט אין אַמעריקע, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן זיין בענקשאַפט נאָך רוסלאַנד. יעדער נייער טאָג האָט אים אַלץ מער אַריינגעדרייט אין דעם אַמעריקאַנער לעבן. אין די צייטונגען און זשורנאַלן, וועלכע ער האָט געליענט, האָט ער שוין אויפגעהערט צו זוכן נייס נאָך וועגן רוסלאַנד. ער האָט אָנגעפאַנגען צו שענקען מער אויפ־מערקזאַמקייט די אַרבעטער־קאַמפן וואָס מען האָט געפירט אין אַמעריקע.

ווען בערעלע פלעגט קומען אַ מידער פון דער אַרבעט, פלעגט ער זיך אָוועקזעצן דורכליענען די צייטונגען. אָט לייענט ער אין די צייטונגען וועגן דעם סטרייק, וואָס די קוילן־אַרבעטער פירן אין וועסט־ווירדזשיניא. די צייטונגען באַשרייבן ווי די געדונגענע סאָלדאַטן שיסן אויף די אַרבעטער, וועלכע פּיקעטן די קוילן־גרובן; ווי אַזוי די באַלעבאַטים פון די קוילן־גרובן, אין וועמענס הייזער די אַרבעטער האָבן געוואוינט, האָבן אַרויס־געזעצט פון זייערע וואוינונגען די פרויען און קינדער פון די סטרייקער, כדי צו צעברעכן זייער מוט.

פון די נייס אין די צייטונגען פלעגט בערעלען ווערן אומעטיק אויפן האַרצן. אָבער דאָס איז געווען ניט דער אומעט, וועלכער מאַכט דעם מענטשן אַפּהענטיק, רופט אַרויס אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט צו אַלץ וואָס איז אַרום אים. ניין, דאָס איז געווען אַ גאַנץ אַנדער אומעט.

— מען טאָר ניט שטיין פון דער ווייטן — האָט בערעלע צו זיך געזאָגט. דער קאַמף וואָס די אַרבעטער פירן אין אַמעריקע איז אַזוי הייליק ווי דער קאַמף, וועלכן די אַרבעטער האָבן געפירט אין רוסלאַנד. דער קאַמף ווערט באַהייליקט מיט בלוט און ליידן פון די אַרבעטער, פון זייערע פרויען און קינדער, וועלכע ראַנגלען זיך פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר אַ ליכטיקערן לעבן.

דער שאַפּ, וואו בערעלע האָט געאַרבעט, האָט זיך געפונען אין צענטער פון די נאָדל־שעפּער. מיטאָג־צייט פלעגט בערעלע אַרונטערגיין פון שאַפּ, און אין גאַס, אויפן ראָג, פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט אַ סך פון זיינע באַ־קאַנטע, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי פאַרשיידענע פאַכן.

אין דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל האָט מען זייער שטאַרק גערעדט, אַז די יוניאָן פון די שניידער גרייט צו אַן אַלגעמיינעם סטרייק. די שניידער ביי מענער־קליידער האָבן יעמאָלט געלעבט און געאַרבעט אין די שווערסטע באַדינגונגען. אין דעם יידישן קוואַרטאַל האָט מען געוואוסט, אַז די יידישע שניידער אַרבעטן נאָך אונטער דער אַלטער „סוועטינג סיסטעם", און אַלע האָבן אויף זיי רחמנות געהאַט. אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם סטרייק פון די שניידער.

אויך בערעלע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג ווען דער סטרייק וועט דערקלערט ווערן. און אָט איז דער סטרייק דערקלערט גע־וואָרן! טויזנטער בלאַסע, פאַרמאַטערטע יידישע אַרבעטער זיינען מיט פריילעכע און גליקלעכע פּנימער אַרויס אין סטרייק. מיט זייער סטרייק האָבן זיי אויפגערודערט דעם גאַנצן יידישן קוואַרטאַל. אומעטום האָט מען געהאַלטן פאַרזאַמלונגען, געוועקט וואָס מער סימפּאַטיע צו די סטרייקנדיקע שניידער. מען האָט געמאַכט געלט־זאַמלונגען, כדי די יוניאָן זאָל האָבן מיט וואָס דעם סטרייק צו פירן. דער ווינטער ווען די אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק איז געווען אַ קאַלטער, אַ שווערער, האָט מען געזאַמלט קליידער פאַר די פרויען און קינדער פון די סטרייקנדיקע שניידער.

בערעלע באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דעם סטרייק. ער רעדט אויף פאַרזאַמלונגען אין זאַל און אויף די ראָגן פון די גאַסן. ער זאַמלט געלט, קלייבט קליידער. אַרבעטנדיק צו העלפן די סטרייקערס, האָט זיך בערעלע אָפּגעפרישט, איז גאָר אַן אַנדערער געוואָרן. ער האָט פאַר זיך אין אַמע־ריקע דערזען אַ נייע וועלט, אַ וועלט פון קאַמף, פון האָפענונג, פון אַ גליק־לעכערער צוקונפט פאַר די טויזנטער אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך גע־ראַנגלט פאַר אַ בעסערן לעבן.

דער סטרייק האָט זיך פאַרענדיקט. די שניידער־סטרייקערס האָבן ניט געקראָגן אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. זיי זיינען געגאַנגען צוריק צו

דער אַרבעט אומצופֿרידענע. זייער אומצופֿרידנקייט האָט אַרויסגערופֿן סימפּאַטיע אין דעם יידישן קוואַרטאַל.

בערעלע איז פֿון די סענטימענטן ניט מיטגעריסן געוואָרן. ער האָט געוווּסט פֿון זיין לעבנס־דערפֿאַרונג, אַז זאַכן ווערן ניט דערגרייכט מיט אַ מאָל; אַז דער קאַמף איז אַ לאַנגער; אַז פֿאַר יעדער פֿאַרבעסערונג וואָס אַרבעטער קריגן דאַרף מען קעמפֿן לאַנג. האָט בערעלע געפּרוּווט די אַרבעטער באַרויִקן, זיי טרייסטן.

דער שווערער, קאַלטער ווינטער האָט שוין אָנגעהויבן צו פֿאַרשווינדן. די פֿרילינג־זון האָט גענומען מיט אירע וואַרעמע שטראַלן גלעטן. זי האָט אָנגעזאָגט, אַז דער פֿרילינג קומט.

אין דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל, אין די יוניאָנס, הייבט מען זיך אָן צו גרייטן צום ערשטן מאַי, צו דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב. אומעטום רעדט מען וועגן די צוגרייטונגען צו דער גאַסן־דעמאָנסטראַציע, וואָס וועט פֿאַרקומען יענעם טאָג. אַלע אַרבעטער וועלן אָפּשטעלן די אַרבעט און וועלן מאַרשירן מיט רויטע פֿאָנען איבער די גאַסן פֿון ניו־יאָרק.

אָט איז שוין דער ערשטער מאַי. בערעלע איז באַשטימט געוואָרן פֿאַרן אָנפֿירער מיט דער דיוויזיע פֿון זיין יוניאָן. ער איז געקומען אויפֿן פּלאַץ זייער פֿרי. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ שיינער. טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך גענומען קלייבן אויפֿן סקווער. פֿרויען, אויסגעפּוצט אין ווייסע קליידער, מיט רויטע האַלדזטיכלעך; מענער אָנגעטאָן אין ווייסע היטלען, מיט רויטע סטענגעס אויף זייערע אָרעמס, האָבן זיך אין גרויסע מאַסן גענומען קלייבן אַלץ מער און מער.

אויפֿן וויִיט־צעשפּרייטן סקווער, פֿון וואַנען דער פּאַראַד האָט זיך געזאָלט אָנהייבן, האָט זיך באַוויזן דער פֿירער, דער „מאַרשאַל". ער איז געריטן אויף אַ ווייס פֿערד, ווי אַ געניטער רייטער. אַ רויטע, ברייטע זיידענע סטענגע האָט זיך געצויגן פֿון זיין לינקן אַקסל איבער זיין ברוסט און זיך פֿאַרענדיקט ביים גאַרטל. ווען דער אומגעדולדיקער עולם האָט אים דערזען, האָבן זיי אים באַגריסט מיט פֿריידיקע אויסרופֿן.

בערעלע האָט אויפֿגעלויכטן. אויף אַ סעקונדע האָט ער צוגעמאַכט זיינע אויגן. ווי אַ בליץ איז אים אַן אַנדער בילד דורכגעפֿלויגן אין קאָפּ:

מינסק, אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, טויזנטער און טויזנטער מענטשן מיט רויטע פאָנען — און אַנטקעגן די דעמאָנסטראַנטן טראָגט זיך אַ צעיושעטע ווילדע מחנה קאָזאַקן מיט בלאַנקע שווערדן, געפירט פון אַ גענעראַל אויף אַ ווייסן פערד. אַ בילד — אַן אויגנבליק.

בערעלע עפנט האַסטיק אויף צוריק די אויגן, ער דערזעט דעם רייטער אויפן ווייסן פערד, ווי יענער באַטראַכט מיט אַ גוטמוטיקן פנים דעם טויזנט־קעפיקן עולם, זיין אַרמיי, די „אַרבעטער־אַרמיי", און אַן אומענדלעכע פרייד כאַפּט אַרום בערעלען. דאָס בלוט הייבט ביי אים אָן זינגען, ער קען ניט איינשטיין, אים ווילט זיך שרייען, רופן, טאַנצן. — דער גענעראַל פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן! הילכט ביי אים אָפּ אינעווייניק אין האַרצן.

די רייען הייבן זיך אָן פאַרמירן. אַ געפלאַטער פון רויטע פאָנען, פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: „מיר ווילן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג!" „נידער מיטן קאַפּיטאַליזם!" „זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־יום־טוב!" „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!"

בערעלע שטעלט זיך אין שפּיץ פון זיין דיוויזיע, די אָרקעסטערס הייבן אָן צו שפּילן, די דעמאָנסטראַציע רירט זיך פון אָרט.

מיט אויפגעריסענע אויגן, מיט אַן אויפגעבליט פריידן־געמיט שפּאַנט בערעלע אונטער אַ רויטער פלאַטערדיקער פאָן און העכער פון אַלעמען הייבט בערעלע אָן זינגען:

שטייט אויף איר אונטערדריקטע מאַסן
און מאַכט פון שקלאַפעריי אַן ענד.

פון דער דעמאָנסטראַציע איז בערעלע געקומען אַהיים שפּעט ביי־נאַכט. אַ גליקלעכער, אַ מידער איז ער איינגעשלאָפן אין זיינע קליידער.

די נאַכט האָט ער אין חלום זיך געזען אין זיין אַלטער היים אין צאַרישן רוסלאַנד. בילדער פון זיינע אָרעמע קינדער־יאָרן, זיין טאַטע־מאַמע, זיין קליין אָרעם שטעטעלע, טורמע, קאַטאָרגע, קייטן, הונגער־סטרייק, קאַמף. אַ גאַנצע נאַכט האָבן אים די חלומות ניט אָפּגעלאָזן.



ווען ער האָט זיך אויפגעוואַכט, איז זיין צימער געווען אָנגעפילט מיט אַ וואַרעמער ליכטיקייט. די פרילינגזון האָט זיך געריסן דורך די שויבן. בערעלע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אים אויפגעעפנט און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס.

שטראָמען מענטשן אין אַרבעטס־קליידער, מיט פעקלעך עסנוואַרג אונטער די אָרעמס האָבן זיך געצויגן איבער די טראָטואַרן, מיט איילנדיקע טריט האָבן זיי זיך געיאָגט צו זייערע שעפער, זיי זאָלן זיך ניט פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט.

אוים יום־טוב! אוים פּאַראַד! ווידער וואָכעדיקייט, ווידער קאַמף.

בערעלע האָט דערפילט, אַז ער איז אַ טייל פון יענע אומבאַקאַנטע שטראָמען מענטשן אויף די גאַסן, אַז ער איז זייערער.

דאָ איז זיין אָרט. דאָ וועט ער פאַרבלייבן!

דאָ דאַרף ער בלייבן און קעמפן.

קעמפן און ליידן, ווי דאָרטן אינעם צאַרישן רוסלאַנד.

קעמפן און געווינען!

בערעלע האָט זיך אויף גיך איינגעוואַשן, האַסטיק אַרוים פון זיין צימער און זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן, וואָס האָבן זיך געאיילט צו דער אַרבעט.

סוף